№ 21 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. זיבעטער יאָהרגאַנג. פּרייז 20 גראָשען ,,CZĘSTOCHOWER CAJTUNG

Biblioteka Jagiellońska Kraków św. Anny 10

טשענסטאָכאָווער צייטונג

ערשיינט יעדען פרייטאָג.
רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע
ערשטע אַלעע 6. טעלעפאָן 201.

אַנאָנסען:
פאַר א מיליטעטער שורה
פאַר'ן טעקסט 24 גראָשען נעב'ן טעקסט 18 גראָשען
אין טעקסט 60 גראָשען.
פאַר'ן אינהאַלט פון די אַנאָנסען איז די רעד. ניט פאַראַנטוואָרטליך.

אַבאָנאַמענטס-פּרייז
א נומער 20 גראָשען.
אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
Częstochowa, Aleja 6. telefon 201.

Czwartek dnia 24 maja 1928 | פרייטאָג, ליכט-צינדען 7.21 | דאָנערשטאָג ה' סיון תרפ"ח.

זאַל „וואַרטא"

יודיש טעאַטער אונטער דער לייטונג פון אַרטיסט ה' ביאַלקאָחיטש מיט'ן אנטייל פון: ביאַלקאָחיטש, גאָלדשטיין, לובאַרטאָווסקא, צאַם, טענער: ביאַלקאָחיטש, בלאַם, פינקער, חזנבערג, ליבערמאַן א.א.

אויפטריטען פון דער איבעראַל באַליבטער סובּרעטין, ליבלינג פון טשענסטאָכאָווער פּובליקום

אידא ערווערסט

צוזאַמען מיט'ן ווינ-ליבהאָבער ה' טרילינג.

בילעטען אין דרוק. פון ה' באַמשאָן, פרעמאָר פון 11 ביז דער קאַסע. נעש.-פון-אַרער עפשטיין.

לעצטע פאָרשטעלונגען פאַר'ן אָבפאָהרען אויף א טורנעע.

פרייטאָג ד. 25
ערשטער טאָג שבועות
האַלב 4 נאָכמיטאָג
ווערט געשפּילט די באַליבטע אָפּערעטע אין 3 אַקטען מיט 8 בילדער
יודעלעס בר-מצוה

פרייטאָג ד. 25
צוליב יום-טוב אָנהויב 9³⁰ אָוונט
ווערט געשפּילט צום צווייטען און לעצטען מאָהל
פרייליין האַפּלא.

שבת ד. 26 מאַי
צווייטער טאָג שבועות
האַלב 4 נאָכמיטאָג
ווערט געשפּילט די היסטאָרישע אָפּערעטע אין 5 בילדער פון גאָלדפאַדען
שולמית

שבת 8³⁰ אָוונט
נייעס! פּרעמיערע! נייעס!
ווערט געשפּילט צום ערשטען מאָהל די איבעראַל-באַוואוסטע אַמעריקאַנער אָפּערעטע אין 3 אַקטען פון בוימוואָהל
מאַדאַם פריילייז.

Podziękowanie.

WPanom Pejsakowi i Goldsteinowi za akuratne wykonanie robót malarskich i udzielenie specjalnie przystępnych cen dla naszej instytucji oraz za okazaną nam bezinteresowną pomoc przy ogólnem wykończeniu nadbudowy w Domu Sierot im. Miny Werde — składa niniejszem serdeczne podziękowanie

ZARZĄD.

Szkoła Rzemiosł dla Żydów
w CZĘSTOCHOWIE

podaje do wiadomości, że rozpoczęły się zapisy do oddz.: ślusarsko-mech., elektro mech. i stolarskiego.

Kancejarja czynna codziennie od 9 do 2.

Podziękowanie.

WPanu Nadrabinowi Aszowi, WPanu Kaznodziei dr. Hirszbergowi, Panu Prezydentowi miasta Jarmułowiczowi, przedstawicielowi Starostwa p. Grygosińskiemu, prezesowi gminy p. Goldsteinowi, ławnikom p. Nowakowskiemu, p. Dziubie, p. Szpiro, referontowi p. Płazakowi, delegatom organizacji społecznych, prasie oraz wszystkim gościom za łaskawe uświetnienie swą obecnością uroczystości poświęcenia nadbudowy i otworzenia bursy dla dziewcząt w Domu Sierot im. Miny Werde w d. 20 Maja r. b. — składa gorące podziękowanie

ZARZĄD.

א קעלער שטוב

ליכטיג אין פראָנט אויף א ווערקשטעל
שוין צו פערדינגען
ערקונדיגען ביי
ח. בראָניסטאָווסקי, פאַבריטשנאַ 5.

OGŁOSZENIE.

Magistrat m. Częstochowy podaje do wiadomości, że z dniem 23 Maja r. b. otwartą zostaje na Ostatnim Groszu, przy ul. Narutowicza Nr. 110 Ekspozytura Magistratu — w celu ułatwienia ludności składania podań, meldunków e. t. c.; oraz odbierania spraw załatwionych przez Główne Biuro Magistratu.

Ekspozytura będzie czynna od godziny 8-ej do godziny 15 w soboty od 8-ej do 13-ej.

Biuro Ekspozytury prowadzić będzie p. Józef Kozłowski.

Częstochowa, dnia 21 Maja 1928 r.

MAGISTRAT.

צענטראַלער יודישער האַנדווערקער פערבאַנד אין פוילען אָבטיילונג אין טשענסטאָכאָוו.

די פערוואַלטונג מאַכט בעקאַנט דאָס אַלע מיטגלידער, וועלכע וועלען בעצאָהלט'ס געהערען דורך וועלכע ס'איז אינסטיטוציע מלוכה'שע אָדער קאָמונאַלע דאַרפען זיך מעלדען אין סעקרעטאַריאַט פון פעראיין פון 7 ביז 9 אָוונט, טעגליך.

די פערוואַלטונג.

נדבות אין רעדאַקציע.

מאיר שעפּעל 5 זל. פאַר'ן שפּיטאַל, 5 זל. פאַר'ן בית לחם, מנחם שעפּעל 5 זל. פאַר בית לחם, י. מינטער 5 זל. פאַר בית לחם.
עמן א נאָמען 2 זל. פאַר מושב זקנים.

דער האַרטער שטיין-פּלאַסטער פאַדערט ביי יעדען שריט א גרויסע אָנשטרענגונג. דער, וועלכער גייט א קראַנקהייט געהען, דערפיהלט שוין נאָך לאַנגע שריט א פערגרעסערטען שמערץ.

ליידענדע אויף נאַך-שמיינער, נירען, פיס און מאַגען דאַרפען זיך שיצען נעגען ערשיטערונגען ביים געהען, דער איינפאַכסטער און ביליגער מיטעל זענען גומי-אָבצאַצען „בערסאָן".

„בערסאָן" איז ניט קיין לוקסוס, איז אפילו ביליגער, דויערהאַפטער ווי לעדער.

ווער ס'טראָגט „בערסאָן" אויף די שיך, דער דאַרף קיין מאָל ניט שפּיגען פון דעם תענוג פון עלאַסטישען שריט.

פּאַטאָקאָל

מיר בעשייניגען היערמיט אז די געבּרידער פּאָטאָק אונטער דער פירמע „י. ד. פּאָטאָק זעהנע" אין מאַלאָבאָנדז נעמען בעגרין, אז די קאַקאָספוטער פון קאָקאָסניסע וואס ווערט אויסגעאַרבּייט אין זייער פאַבריק אין מאַלאָבאָנדז מיט דעם נאָמען „פּאָטאָקאָל" ווערט געמאַכט בהכשר נמור על צד היותר טוב אונטער אונזער אויפזיכט און די פוטער מעגען עסען היראים והחרדים און צו בענוצען אזוי צו פליישיגע ווי צו מילכיגע מאכלים אָהן שום נאכדענקונג. אויף יעדען פּאַקעט בעפינדעט זיך א שטעמפּעל כשר בהשגחת הרב והבד"צ דבענדין.

ובעה"ב אור ה' יתרו תרפ"ח בענדין.

חנוך צבי הכהן לעווין אב"ד
יהושע דומ"צ
רן יצחק דומ"צ
חנוך דוד סג"ל דומ"צ

פערטרעטער אויף טשענסטאָכאָוו און אומגעגענד: י. גראָדאָן, כמראָשאַצה 14

Piękna miejscowość. Znajdą tu uzdrowienie osoby sercowo i nerwowo chore oraz cierpiące na blednicę i niedokrwistość. Uspokojenie znajdą nerwowi i przepracowani. Naturalne źródła oraz kąpiele kwaso-węglowe. Nadzwyczaj łagodny klimat górski. Miejscowość położona w uroczej okolicy. Piękna przyroda działa uzdrawiająco na ciało i duszę. Tutaj odbywa się naturalne odmłodzenie. Całkowite utrzymanie już od Mk. 6.—

Wody lecznicze dla sercowo-chorych oraz źródło odmładzające system nerwowy.

רנינה! משתתף אני בצערך הגדול לרגלי האסון שקרה לך במות

אחותך היקרה.

בהתנשמות רעיוננו תנחמי.

יהושע שטרוים.

תל-אביב, אייר תרפ"ח.

די אַלע, וועלכע האָבען אָבגעגעבען דעם לעצטען כבוד, אנטייל גענומען אין דער לויה פון אונזער אונפערגעסליכער מוטער

נ"ע שרה אשת ר' יצחק ז"ל לעווקאָוויטש

זונטאָג ר"ח סיון, דריקען מיר אויס אונזער איניגסטען דאַנק

די אין טיעפען טרויער פערבליבענע

זיהן, טעכטער, איידעמס, שנירען און אייניקלעך.

דער יום-טוב פון רייפקייט.

(געדאַנקען צום חג הבכורים.)

שבועות, דעם חג הבכורים, דאַרף מען פערשטעהן אלס דעם יום-טוב פון רייפקייט, ווען מען דאַרף אונטערזוכען די וואַקסענדע פרוכטען, אויסקלויבען די וואס ווערען שוין רייף און דערוואַקסען, וועלכע האָבען שוין אין זיך גענוג זאַפט און קראַפט, און די דאָזיגע קענען דינען אלס בכורים. מען דאַרף וויסען און פערשטעהן צו אונטערשיידען וואס עס איז פערטיג און רייף, און וואס נישט.

און אפשר טאַקי דערפאַר האָט מען אונז אין דעם טאָג, אין דעם חג הבכורים, די תורה געגעבען, מען האָט דעם יודישען פאָלק דאַמאָלס געגעבען די געזעצען, און איינגעפלאַנצט אין איהם די זיטען און מנהגים פון דער תורה, וועלכע מאַכען דעם מענש רייף און דערוואַקסען, וועלכע לערנען זיין מוט, און רופען אַרויס זיין בעוואוסטזיין.

און כאַראַקטעריסטיש.

שוין טויזענדער יאָהרען ווי מיר פייערן דעם חג הבכורים, שוין דורות לאַנג ווי מיר האַלטען זיך אין דער תורה, פאַר וועלכע מיר זענען אין פייער און וואַסער געגאַנגען, אין דער דאָזיגער תורה וועלכע דאַרף אונז רייף און בעוואוסטזיניג מאַכען, און אַלס זענען מיר נאָך ווייט פון רייפקייט, האָבען מיר נאָך נישט די נויטיגע פערשטענדניס פאַר אונזערע פּאָליטישע אַנגעלעגענהייטען, און מיר זענען לײַדער אין דער הינזיכט פיעל צוריקגעשטאַנען פון אַנדערע פיל יונגערע פעלקער מיט פיל ווייניגער קולטור, וועלכע זענען ערשט ענטשטאַנען אויפ׳ן בעדען פון אונזער אור-אַלטער קולטור און האָבען פון איהר קאַפּיטאַל געשעפּט.

בײַ קיין שום פאָלק, בײַ קיין שום אומה ולשון זעהט מען נישט אַזאַ צושפּליטערקייט, אַזאַ גרונדליכע מיינונגס-פערשידענהייט, און אַזאַ שרעקליכען תהום צווישען איין שיכט פון פאָלק און דעם צווייטען, ווי דאָס איז בײַם יודישען פאָלק. טראָץ דעם וואָס דער דאָזיגער פירוד ברענגט אונז, לויט אונזערע לעבענס-בעדינגונגען, אַ פיעל גרעסערן שאָדען ווי ער וואָלט געבראַכט אַנדערע פעלקער, טראָץ דעם וואָס די פעראייניגונג איז אונז נויטיגער ווי אַנדערע, ווערען מיר מיט יעדען טאָג מעהר דערווייטערט איינער פון צווייטען, ווערט דער פירוד צווישען אונזערע רייהען אַמאָל גרעסער און ביטערער, אַז מיר קענען שוין איינער נישט פערשטעהן די שפּראַך פון צווייטען ווי אין דור הפלגה, און וועגען אַ געמיינזאַמער צוזאַמענאַרבייט לטובת דעם גאַנצען פאָלק, און זיינע בלוטיגסטע אינטערעסען קען שוין מעהר קיין רייד נישט זיין.

און מיר אַליין זעהען מיט אונזערע אויגען ווי דורכדעם ווערט אַלץ פערנאַכלעסיגט, ווי אונזערע בעסטע כוחות געהען לאיבוד, ווי פיעל ענערגיע ווערט פערלוירען און די שטעקענס פון אונזערע שונאים ווערען אַלץ לענגער וואו מיר געפינען זיך (און וואו געפינען מיר זיך נישט?) קענען נישט צוריקגעהאַלטען ווערען.

ווייט, זעהר ווייט, זענען מיר פון רייפקייט און דערוואַקסענקייט, אונזער אונבעהאָלפענקייט בעמערקט זיך אויף יעדען טריט און עס פיהלט זיך אויף אַלע געביטען פון אונזער פּאָליטישען, קולטורעלען און געזעלשאַפטליכען לעבען.

מיר וואָלטען אפשר שוין לאַנג ארץ-ישראל אין אונזער בעזיץ געהאַט, ווען מיר זאָלען נישט זיין אַזוי צוברעקעלט און ווען מיר זאָלען נישט פיהרען אַזאַ צו-להכעיס פּאָליטיק.

גזורו דאָס איז די לעזונג, וואָס מען וואַרפט בעת ווען עס האַלט בײַ וועלכער ס׳איז נויטיגער כלל-אַרבייט, צושניידען, צוברעקלען און צוברעכען, דאָס איז דער ציעל און דאָס איז אַלץ.

אונזער עקאָנאָמישע לאַגע אין גלות וואָלט אָהן ספק פיעל בעסער און העכער געשטעלט. די עקזיסטענץ פון אַ גרויסען טייל פון די יודישע מאַסען וואָלט נישט געווען אַזוי בעדראָהט, ווען מיר זאָלען פעראייניגט און געמיינזאַם אַרבייטען.

אונזער קולטורעלער ניחא, אונזער כבוד און עהרע וואָלטען אויף אַ פיעל העכערער שטופע געשטאַנען, מען וואָלט זיך מיט אונז אַנדערש גערעכענט און מיר וואָלטען אַ גאַנץ אַנדערע בעהאַנדלונג געהאַט, ווען נאָר מיר וואָלטען פערשטאַנען דאָס ביסעל רייפקייט. דאָס אינערליכע אחריות-געפיהל פאַר אונזערע אינטערעסען און דאָס פולע בעוואוסטזיין אַז יעדער יחיד איז נאָר אַ טייל פון ציבור, פונ׳ם כלל, און אָבגעטיילט פון כלל איז ער אַ אבר המדולדל. ווען מיר וואָלטען זיין אָנגעוואַקסען מיט דאָס וואָס אין טראַגט אַזוי ווי די צייטיגע פריכטען פון וועלכע מען האָט בכורים געבראַכט און וואָס עס דאַרף אונז דערמאַנען דער היינטיגער חג הבכורים, דער יום-טוב פון רייפקייט.

י. פ.

דער פייערליכער חנוכת-הבית פון נייעם בנין אין יתומים-הויז.

וואָנטאָג אַנ׳ערך 12 אַ זייגער מיטאָג איז אין זקנים און יתומים-הויז פערגעקומען די פייערליכע עפענונג פון נײַ-צוגעבויטען לאָקאַל, וואָס זאָל דינען אַלס היים און וואוינונגען פאַר יתומים.

צו דער פייערליכקייט זענען געקומען דער שטאָדט-פּרעזידענט ה׳ יאַרמולאָוויטש, דער פערטרעטער פון סטאַראָסטע ראַט גרינאַשינסקי, די לאַווניקעס ה״ה דובאַ, נאַוואַקאַווסקי און שפּירא, דער רעפערענט פאַר געזעלשאַפטליכער שוץ אין היגען מאַגיסטראַט, די דעלעגאַטען פון דער יתומים-צענטראַלע אין וואַרשאַ דירעקטאָר שניאורסאָן, ראַטמאַן פרוי רחל שטיין און ה׳ נייסטאַדט, דעלעגאַטינס פון קעלץ די פרוי פון רב ראַפּאַפּאָרט און פרוי דר. שאַכט, פון טאָמאַשאָוו ה׳ ליכטענשטיין; ווייטער זעהען מיר דעם רב ר׳ נחום אש, פּרעזעס פון דער קהלה ה׳ שמואל גאָלדשטיין, פערטרעטער פון די היגע אינסטיטוציעס און אַ גרויסע צאָהל געסט.

די פייערונג הויבט זיך אָן אין דער שוהל פון דער אינסטיטוציע, וואו דער חזן ה׳ פישעל מיט׳ן כאָר אונטער דער לייטונג פון דיריגענט ה׳ זאַקס פיהרט אויס געלונגענע עטליכע תפלות און מאַכט הזכרות פאַר די גרונדער פון זקנים און יתומים-הויז די פאַמיליע ווערדע.

נאָכדעם געהען אַלע איבער צו דער נייער געביידע און דער פּרעזידענט יאַרמולאָוויטש שניידעט איבער די באַנד. אין גרויסען זאַל עפענט די פייערליכע פערזאַמלונג דער פּרעזעס פון „ראַבאַטשינגאַשטש" דר. באַטאַטיע, וועלכער בעגריסט די פערטרעטער פון דער מאַכט, מאַגיסטראַט, דעלעגאַטען, ראַבינאַט, גמינע און אַנדערע און זאָגט אַז אויבנאויף אין פלוג זעהט זיך אויס דאָס דער היינטיגער יום-טוב איז אַ גאַנץ קליינער, ווייל אין געגענזאַץ צו די ריזיגע אינסטיטוציעס, וואָס זענען שוין היער אויפגעבויט געוואָרען איז דער יעצטיגער צובוי אַ נישטיגער, — אָבער טאַקי דערפאַר, וואָס אין די יעצטיגע שווערע צייטען איז געלונגען דאָס ווערק דורכצופיהרען, איז אַ גרויס געווינס. אַ דאַנק דער נייער געביידע וועלען מיר האָבען די מעגליכקייט אַרײַנצונעהמען נאָך אַ נייע צאָהל יתומים אין זקנים און די עלטערע קינדער וועלען דאָ אויך האָבען אַ היים, וואו זיי זאָלען קענען אַרבייטען און זיך פערבייטען אַנ׳ענויסמענטע אויף זייער ווייטערדיגען לעבענס-וועג.

דעם נייעם בנין — זאָגט ווייטער דער רעדנער — האָבען מיר צו פערדאַנקען דער אומגעהייערער ענערגיע און שטאַרקען ווילען פון דער פּרעזידענטערין פרוי שטאַרקע, וועלכע האָט זיך נישט אָבגעשטעלט פאַר קיין שום שטערונג און דערפיהרט דערצו, אַז מיר פייערען היינט דעם חנוכת הבית.

דאָס וואָרט נעמט די פּרעזידענטערין פון יתומים-הויז, פרוי שטאַרקע, וועלכע דריקט אויס אין רויהרענדע ווערטער איהר שמחה צו דער היינטיגער פייערונג. צוזאַמען מיט אונז — זאָגט זי — פרעהען זיך אויך די זקנים וועלכע וועלען דאָ געפינען רוה אויף זייערע עלטערע יאָהרען און יתומים, וועלכע וועלען דאָ האָבען אַ היים, וואָס וועט זיי ערציהען אַלס נוצליכע מענשען.

די רעדנערין גיט איבער, ווי טאָג-טעגליך איז איהר וואוינונג בעלאַגערט געוועזען פון פערשידענע עלטערע מענשען וואָס האָבען געבעטען זיי אַרײַנצונעהמען אינ׳ס דאָזיגען הויז, אָבער צוליעב דער ענגקייט און איבערפולטקייט האָט זי געמוזט זייערע ביטעס אָבזאָגען. דאָס האָט אָבער בעוואויגען דער פרוי שטאַרקע אַז זי זאָל זיך בעמיהען צו פערגרעסערן דעם בנין וועלכער איז אַ דאַנק דער גרויסער אָפּפערוויליגקייט פון די היגע יודישע איינוואוינער און מיט דער מיטהילף פון דער צענטראַלע פאַר יודישער יתומים-פערזאָרגונג אין וואַרשאַ אויסגעפערטיגט געוואָרען.

דער רב ר׳ נחום אש דריקט אויס זיין באַוואונדערונג צוליעב די גרויסע לייסטונגען, וואָס זענען שוין ביז יעצט געשאַפען געוואָרען דורך דער „ראַבראַטשינגאַשטש" און גיט איבער די חשוב׳ע מתועד צוזאַמען מיט דער פּרעזידענטערין און לייטערין פון יתומים-הויז פרוי שטאַרקע אַ יודישען „ישר כחו".

דער רב ווידמעט דאַן עטליכע ווערטער דעם גרינדער פון דער דאָזיגער שעהנער אינסטיטוציע, דעם פערשטאָרבענעם ווערע, און זאָגט אַז דאָס איז געווען אַ מענש פון מעשים, אַז זיין אידעאַל האָט שטענדיג געשוועבט פאַר זיינע אויגען — דער אידעאַל פון אַרויסהעלפען דעם יוד און מענש אין זיינע ליידען און נויטען.

דער חשוב׳ער רעדנער פלעכט נאָך אַדורך זיין ווייטערדיגע בעגריסונג מיט מאמרי חז״ל און מיט אַ געלונגענעם וויץ אויף די ווערטער פון שלמה המלך: אדם אחד מאלף מצאתי ואשה בכל אלה לא מצאתי — בעת וועלכען דער רב ריהמט די געזעלשאַפטליכע טעטיגקייט פון די יודישע פרויען אין טשענסטאָכאָוו און ענדיגט מיט אַ וואונש, אַז די עלטערע יתומים זאָלען דאָ געפינען אַ גוטע זאָרגפעלטיגע היים און אַנ׳עכט יודישע טראַדיציאָנעלע ערציהונג.

דער סטאַראָסטוואַ-ראַט ה׳ גרינאַשינסקי בעגריסט די פייערליכקייט אין נאָמען פון סטאַראָסטווע און זאָגט אַז אויב בײַם יעצט-הערשענדען אויבערפלעכליכען אידעאַליזם און מיעסען ענטוזיאַזם האָבען זיך געפונען מענשען, וואָס האָבען אויפגעבויט אַזאַ שעהנעם אַנשטאַלט, מוז מען זיי דערפאַר הערציג בעגריסען.

דער ראַט שרייט אויס: „זאָל לעבען די ליעבע צום נאָהענטען, זאָלען לעבען די אינסטיטוציעס, וואָס שטיצען זיך אויף דער דאָזיגער ליעבע!"

פּרעזידענט יאַרמולאָוויטש זאָגט אַז איינגענטליך איז די אויפגאַבע פון דער שטאָדט-פערוואַלטונג זיך צו פערנעהמען מיט די זקנים און יתומים, אָבער לײַדער האָט דער מאַגיסטראַט נאָך נישט די נויטיגע געלד-מיטלען דערצו. די גרעסטע דאַנקבאַרקייט פערדינען דעריבער די דאָזיגע גוטע מענשען וואָס פערנעהמען זיך מיט די עלטערע לייט, וועלכע האָבען נישט קיין דאַך איבער׳ן קאָפּ און מיט די אומגליקליכע יתומים, וועלכע וואָלטען נאָכ׳ן טויט פון זייערע עלטערן געבליבען אויף גאָט׳ס בעראָט.

דער פּרעזידענט זאָגט אַז איהם איז באַקאַנט די טעטיגקייט און אָפּפערוויליגקייט פון דער פרוי שטאַרקע, וועמעס 10-יעהריגע אַרבייט פאַר דער דאָזיגער אינסטיטוציע האָט אַרויסגעגעבען אַזעלכע רייכע פרוכטען און ער פערשפּרעכט אין נאָמען פון מאַגיסטראַט מיט אַלע מעגליכקייטען אונטערצושטיצען דעם דאָזיגען אַנשטאַלט.

דער דעלעגאַט פון דער וואַרשאַווער צענטראַלע ה׳ נייסטאַדט גיט אָב אַ בעזונדערן שבח טשענסטאָכאָוו, דערפאַר וואָס אין געגענזאַץ צו אַנדערע שטעדט זענען דאָ די גרעסטע טייל אינסטיטוציעס קאָנצענטרירט אַרום דעם „ראַבראַטשינגאַשטש". דאָס גיט צו פיעל כח און אָנזעהען די אינסטיטוציעס און פון דער אַנדערער זייט ברענגט עס אָפּ פיעל איבעריגע הוצאות.

דער רעדנער געהט דאַן איבער צום ענין פון קינדער-פערזאָרגונג און זאָגט, אַז די צענטראַלע פאַר קינדער-פערזאָרגונג אין פּוילען האָט אונטער איהר שוץ 121 אַנשטאַלטען מיט 14000 יתומים. דער דעלעגאַט פערזיכערט, אַז טאַקע דערפאַר, וואָס מיר האָבען אין דער דאָזיגער הינזיכט איבערגענומען די פליכטען וועלכע ליגען אויף די קאָמונאַלע אַנשטאַלטען, דעריבער דאַרפען די מאַגיסטראַטען אונז שטיצען אין די דאָזיגע אונטערנעהמונגען.

אַ שעהנע בעגריסונג האַלט ראַטמאַן פרוי רחל שטיין פון וואַרשאַ, וועלכע זאָגט, אַז זאָרגענדיג פאַר דער צוקונפט פון פאָלק, פאַר דער צוקונפט פון לאַנד מוזען מיר איבערנעהמען די ערציהונג פון יונגען דור און הויפּטזעכליך נעהמען אונטער אונזער שוץ די קינדער, וועמעס עלטערן זענען שוין אָבגעשטאָרבען. די רעדנערין ווינטשט אַז דער נייער אַנשטאַלט זאָל געבען די געהעריגע אויפזיכט און ערציהונג די יתומים, אַז זיי זאָלען אויפוואַקסען אַלס געהעריגע מיטגלידער פון יודישען פאָלק און געהעריגע מיטגלידער פון לאַנד אין וועלכען מיר וואוינען.

ראַבינער דר. הירשבערג בעריהרט די גרויסע וויכטיגקייט פון צדקה-וועזען בכלל און דערמאָנט דעם מאמר חז״ל גדול המעשה יותר מן העושה, אַז ס׳איז נאָך מעהר וויכטיגער דאָס מורקען אויפ׳ן צאַמען, אַז יעדער זאָל געבען צדקה ווי דאָס אַליין געבען און ענדיגט מיט די ברכה פון פסוק: יהי שלום בחילך — שלוה בארמנותיך.

דער וואַרשאַווער דעלעגאַט ה׳ שניאורסאָן רוהמט אונזער שטאָדט דערפאַר, וואָס נאָך מיט 28 יאָהר צוריק, איידער נאָך ס׳איז געווען אַ יתומים-אַנשטאַלט אין וואַרשאַ, האָט שוין טשענסטאָכאָוו געזאָרגט פאַר די עלענדע קינדער און אויפגעבויט פאַר זיי אַ ספּעציעלען בנין.

אויך דער טאָמאַשאָווער דעלעגאַט ה׳ ליכטענשטיין לויבט זיין היימשטאָדט טשענסטאָכאָוו פאַר די פיעלע וואָהלטעטיגקייטס-אַנשטאַלטען, וואָס געפינען זיך היער און בעגריסט אין נאָמען פון דער טאָמאַשאָווער יתומים-אינסטיטוציע.

אַ לענגערע רעדע האַלט נאָך די קעלצער דעלעגאַטין פרוי דר. שאַכט, וועלכע זאָגט אַז מיט׳ן אויפנעהמען אין אונזערע אַנשטאַלטען די יתומים, ראַטעווען מיר פיעל מענשען-לעבענ׳ס. די רעדנערין דריקט אויס איהר שמחה צוליעב דעם, וואָס מיט׳ן ראַטעווען די יונגע לעבענ׳ס פערנעהמען זיך דאָ די פרויען און ענדיגט אויף העברעאיש: שישו ושמחו בת ישראל, כי הגדלת לעשות!

עס בעגריסט נאָך דר. רוס און נאָכדעם ווענדעט זיך איינער פון די יתומימ׳לעך מיט וואַרעמע דאַנק-ווערטער צו דער פרוי שטאַרקע פאַר איהר איבערגעגעבענהייט צו דער דאָזיגער אַנשטאַלט, דערלאַנגענדיג דערבײַ בלומען.

אַלע אָנוועזענדע בעזוכען דאַן די נײַ-אויפגעבויטע אָבטיילונג, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר אַ פּרעכטיגע און בעהויזערונגס-ווערטע אַנשטאַלט. קודם-כל געפינען זיך צוויי גרויסע ליכטיגע זאַלען מיט בעטען פאַר יונגעלעך און מיידלעך, דאַן אַ פולשטענדיג איינגעאָרדענטער באַד-אַנשטאַלט מיט וואַנעס און געהעריגע וואַש-איינריכטונג, ווי אויך אַנדערע נויטיגע צימערן.

אונטער אַ געהויבענער שטימונג און גוטען איינדרוק פערלאָזען די צאָהלרייכע פערזאַמעלטע דאָס זקנים און יתומים-הויז.

אַפילו, ווען דער בעל-הבית
זאָל זיין אַמשפּאַרזאַמסטער

וועט ער זיך דאָך דערפרעהען, ווען זיין פרוי וועט צום טיש דערלאַנגען גוטע קיכלעך אָדער אַ געשמאַקען טאָרט. נאָך מעהר צופרידען וועט ער זיין, ווען זיין פרוי וועט זיך פאַר איהם פערטרויען אַז זי האָט געבאַקען אויף דר. עטקערס באַק-פּראָשעק „באַקין", לויט עטקערס אויספּרובירטע פערשריפטען. די נייע אויסגאַבע „ר" פון בארוהמ. אילוסט. רעצעפּטען-ביכעלע מיט פערשריפטען ענטהאַלט אַ גרויסע צאָהל ווערטפולע אָנווייזונגען צום באַקען.

DR. A. OETKER, Oliwa.

19) דער יודישער פירשט.

העכסט אינטערעסאַנטער היסטאָרישער ראָמאַן פון יודישען לעבען אין 16-טען יאָהרהונדערט, לויט יאָהאַן פון ווילדענראַדט.

יודיש דורך: י. געלזאָהן.

(פאָרטזעצונג)

10.

אין דער צייט ווען אין דער גרויסער שוהל איז פערגעקומען די געשעהעניש וועלכע מיר האָבען בעשריבען אין פאָריגען קאַפּיטעל, איז לעאָנאָרא געזעסען אין איהר צימער זעהר בעטריבט און נידערשלאָגען.

זי האָט נישט געוואוסט וואָס דאָרט קומט פאָר, אָבער זי האָט זיך פאָרגעשטעלט אַז מיט איהר פריינד וועט אויף דער פערזאַמלונג מיט די רבנים קיין גוטס נישט פּאַסירען. דאָס האַרץ איז איהר געווען זעהר געשווערט, טראָץ דעם וואָס איידער יוסף איז אַוועקגעגאַנגען האָט ער זי בערוהיגט. האָט זי זיך אָבער נישט געקענט בערוהיגען, איבערהויפּט ווען זי האָט זיך דערמאָנט די שרעקליכע קללה מיט וועלכער שמעון האָט איהם געשאָלטען.

די ערשטע צייט נאָך יוסף׳ס אַוועקגעהן האָט זי פערבריינגט מיט דונאַ גראַציאַ. איהר געזאָגט אַז זי מוז אויך ערגיץ וואו אַוועקגעהן, און לעאָנאָרא איז געבליבען אַליין אין טיעפען טרויער.

נאָך מעהר האָט זי געציטערט וויסענדיג אַז זי איז שולדיג אין דעם וואָס האָט מיט דון-יוסף פּאַסירט, אַז צוליב איהר איז דאָס טרויסנקייטען וואָס די יודען טהוען זיך פון איהם דערווייטערן. האָט עס פערשאַפט איהם אַזויפיעל שמערצען, און טראַכטענדיג וועגען דעם איז איהר געקומען אין קאָפּ אַ געדאַנק:

דאַרף דען מיין ליבער אַזוי פיעל ליידען צוליעב מיר, דאַרף איך איהם דען זיין לעבען פערביטערן, איך וועל אַוועק וואו די אויגען וועלען מיך טראָגען, אין עק וועלט וועל איך אַוועק, יוסף וועט זיין פריי און זיין כבוד און רוהם וועט זיך צו איהם אומקעהרען.

באַלד אָבער איז געקומען אַ צווייטער געדאַנק וועלכער האָט איהר געזאָגט, אַז זי טאָר דאָס נישט טהון, אַז מיט דעם וועט זי איהר געליבטען נאָכמעהר דאָס לעבען פערביטערן, ער וועט זי אַרומזוכען און נישט וויסען וואו זי איז, און טראַכטען זי האָט איהם פערלאָזט — און דאָס קען איהם נאָך דערפיהרען צו דער גרעסטער פערצווייפלונג...

זי האָט גענומען איהר דינסט און זי אַוועקגעשיקט צו דער גרויסער שוהל אום צו ערפאָהרען וואָס דאָרט קומט פאָר, און דאָס מיידעל איז מיט עטליכע שעה שפּעטער צוריקגעקומען און איהר איבערגעגעבען אַז די שוהל איז פול געפּאַקט מיט מענשען און פאַר דער שוהל איז פערזאַמעלט אַ גרויסער המון מענער און פרויען וועלכע דערצעהלען אַז עס קומט פאָר אַ פאָלקס-משפּט איבער דון-יוסף...

איז ווידער האָט זי בעהערשט דער פאָריגער געדאַנק אָבער אין נאָך אַ שרעקליכערער פאָרם, זי האָט געטראַכט:

וואָס, איך האָב נישט וואוהין צו לויפען? איך האָב נישט קיין פריינד און בעקאַנטע וואָס זאָלען מיך ערגיץ פיהרען? אָבער איך ברויך דאָך קיינעם נישט, עס קען איך געהן אין גאָרטען אַרײַן און דאָרט האָב איך אָפען דעם ברעג פון גרויסען ים, דאָרט קען איך זיך אַרײַנוואַרפען, דאָרט וועל איך געפינען אַ פולשטענדיגע רוה פון מיינע ליידען און פּיין... און יוסף... ער וועט מיך מיט דער צייט פערגעסען און גליקליך זיין, און וועלען די יודען וויסען אַז די ווענעציאַנערין האָט פערשטאַנען אָבצוהיטען די עהרע און דעם כבוד פון איהר איינציגען געליבטען אויף דער וועלט, און זיך געבראַכט פאַר אַ קרבן...

אַ לאַנגע צייט האָט זי מיט זיך געקעמפט אויב זי זאָל דעם שרעקליכען פּלאַן אויספיהרען, עס איז נישט געווען בײַ איהר גרינג זיך צו רעזיגנירען צו אַזאַ טריט, פאָרט געוועזען אַ יונג מיידעל, וואָס האָט געהאָפט אין לעבען נאָך פיעל צו געניסען, אָבער ענדליך האָט דער דאָזיגער געדאַנק זיך איבער איהר געשטאַרקט, און זי איז פון דעם אינגאַנצען בעאיינפלוסט געוואָרען.

מיט אַ פעסטען בעשלוס איז זי אַרויס פון צימער און אַרײַנגעגאַנגען אין גאָרטען, וואו דער ברויזענדער ים האָט זיך געגרענעצט, און ווי איינער וואָס געהט צום טאַנץ איז זי געגאַנגען מאַכען דעם לעצטען טריט.

אָבער אַרײַנקומענדיג אין גאָרטען וואָס איז געווען אין דער הויף נאָך, האָט זי געהערט אַ שטאַרקען טומעל מיט אַ געמיש פון יודישע קולות און זי האָט געוואָלט הערען און זעהען וואָס אין גאַס קומט פאָר, פיהלענדיג אַז דאָס געוויש איז פערבינדען מיט איהר יוסף׳ן.

זי האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפ׳ן פּלויט און געזעהען ווי מאַסען יודען לויפען אַדורך און זיי שילטען דון-יוסף׳ן מיט שרעקליכע קולות:

— אַט אונגעהערטע נבלה — האָבען זיי געשריגען — אין הייליגען אָרט אַרײַנצופיהרען מיליטער, און אונז די יודען אַרויסצוטרייבען, גאָט וועט דאָס איהם נישט שענקען.

— ער איז אפשר נישט שולדיג — האָט אַ צווייטער געזאָגט — דאָס האָט דאָך זיין מוהמע דונאַ גראַציאַ געבראַכט דאָס מיליטער אין שוהל אַרײַן.

— אָבער דאָס איז דאָך געוועזען לויט זיין בעפעהל — האָט דער ערשטער ווידער געזאָגט — פערשאָלטען זאָל ער זיין פון גאָט און פון יודישען פאָלק.

לעאָנאָרא האָט דאָס צוגעהערט און זי האָט פערשטאַנען פון די ווערטער אַז אין שוהל איז עפּיס שרעקליכעס פערגעקומען, און דאָס האָט נאָכמעהר געשטאַרקט איהר חשק אויסצופיהרען איהר בעשלוס, און זי האָט געוואָלט דאָס שנעלער לויפען צום ים, אָבער אין דעם מאָמענט איז פאַר איהר געשטאַנען שמעון.

ער איז צווישען אַלע יודען איצט ענטלאָפען פון שוהל געיאָגט דורך די זעלנער, און זעהענדיג לעאָנאָרא׳ן איז איהם געקומען אַ שרעקליכער געדאַנק אין קאָפּ, און ער איז צוגעגאַנגען צו איהר זאָגענדיג:

— דו חצופה לעאָנאָרא, וואָס דו האָסט פערפירט, די רבנים האָבען יוסף׳ן געלעגט אין חרם אַרײַן, און דער סולטאַן האָט איהם שוין אינגאַנצען דערווייטערט פון זיך, ער געפינט זיך אין אַ גרויסען געפאַהר, אויב דו ווילסט מיטהעלפען איהם צו ראַטעווען קום שנעל מיט מיר.

לעאָנאָרא איז אינגאַנצען ווי צומישט געוואָרען, און זי האָט נישט געקענט צונויפנעמען די געדאַנקען און פערשטעהן וואָס דאָ קומט פאָר, אָבער די ווערטער אַז יוסף געפינט זיך אין גרויס געפאַהר און זי קען איהם ראַטעווען האָבען זי אַזוי פערכישופט און גאָרנישט טראַכטענדיג איז זי אַריבערגעשפּרונגען פון פּלויט און איז געגאַנגען מיט שמעון׳ען.

באַלד האָבען זיי עטליכע יודען אַרומגערינגעלט, אָבער שמעון האָט זי צוגעאײַלט אַז זי זאָל מיט איהם געהן דאָס שנעלער און באַלד זענען ביידע פערשוואונדען געוואָרען הינטער אַ וואַנט פון פּאַלאַץ.

און ווען מיט עטליכע מינוט שפּעטער זענען יוסף מיט דונאַ גראַציאַ צוריקגעקומען, האָבען זיי געזוכט לעאָנאָרא׳ן אין גאַנצען פּאַלאַץ, אין גאָרטען, אַלע האָבען געהאָלפען זי זוכען, אָבער אומזונסט, עס האָבען נישט געהאָלפען די געוויינען און געשרייען פון אַלע הויף-מענשען, איבערהויפּט פון דון-יוסף, — לעאָנאָרא איז פערשוואונדען!

(פאָרטז. קומט).

מנשה אונגער.

אלטע און נייע ימים-טובים אין ארץ-ישראל.

וויל מען פערקענען דעם כאראקטער פון א פאלק זאל מען זיך צוקוקען צו זיינע יום טובים און פאלקס-פייערונגען. דער יום-טוב איז דער אויסדרוק פון זיין לעבענס - שטייגער. ער איז די נשמה זיינע, און וועלכער עס שפיגעלט זיך אפ דער קולטורעלער נוסח פונ'ם פאלק. און ביים בייטען זיך דער לעבענס-שטייגער פון א פאלק בייטען זיך אויך די פארמען און דער כאראקטער פונ'ם יום-טוב.

אם בולט'סטען לאזט זיך עס מערקען ביים יודישען פאלק. ווען די יודען זענען געזעסען אין זייער אייגען לאנד, און האבען געפיהרט א נאטור-נארמאל פאלקס-לעבען — זענען זייערע ימים-טובים אויך געווען נאטורליכער און פאלקס - יום-טובים. ווען זיי זענען אבער פערטריבען געווארען אין גלות אריין און אנגעהויבען פיהרען א גלות-לעבען, זענען זייערע ימים-טובים מיט זיי פערטריבען געווארען און האבען בעקומען א גלות כאראקטער.

ווען אבער דאס יודישע פאלק האט אנגעהויבען צו קומען צוריק צו זיין אלטער היים, צו שאפען א נייע יודיש לעבען האט עס אויך אנגעהויבען צו בעלעבען זיינע אלטע נאציאנאלע פאלקס יום-טובים, און אנגעהויבען שאפען נייע, וועלכע זאלען אויסדרוקען זיין נייעם לעבען און זיין צונעפאסט צו זיין פאלקס-כאראקטער.

פאר די קינדער און שול - יוגענד פאר וועלכע עס ווערט אם מייסטען געטוערט אין ארץ - ישראל, פאר זיי ווערט בעלעבט יודישע נאציאנאלע יום-טובים, וועלכע זענען אין גלות כמעט אינגאנצען אונטערגעגאנגען. דער ערשטער קינדער יום - טוב איז חנוכה, און אין תל - אביב ווערט ער געפייערט אויף גאר א אימפאזאנטען אופן. אלע שול-קינדער ווערען פערזאמעלט און עס ווערט פאר זיי גערעדט וועגען דער בעדייטונג פון חנוכה. געזונגען קינדער - לידער, אויסגעפיהרט טעאטער-פארשטעלונגען, וועלכע ווערען אויסגעפיהרט פון די קינדער אליין. ביים פערענדיגען די פייערונג בעקומט יעדעס קינד א ברענענדיג ליכטעל אין דער האנד אריין און עס פארמירט זיך א קינדער - פראצעסיע איבער די תל-אביב'ער גאסען. פוויזע-דער קליינינקע קינדער ווי פינקעלדיגע שטערנדלעך לאזען זיך איבער די גאסען און עס זעהט אוים ווי די שטערנדלעך וואלטען זיך פון הימעל אראפגעריסען און זיך צושפרייט איבער די יודישע שטאדט תל-אביב. זיי קומט אקעגען די עלטערע שול - יוגענד מיט שטורקאצען, וועלכע איז געווען פערזאמעלט אויף א אנדערן פלאץ פון דער שטאדט און צוזאמען לאזט מען זיך נעמען צום הויז פון דיכטער ביאליק. דער דיכטער ביאליק רעדט פאר די קינדער און דאן לאזט מען זיך א טענצעל. קינדער טאנצען צוזאמען מיט'ן דיכטער ביאליק.

דער צווייטער קינדער יום-טוב איז חמשה עשר בשבט. דער יום-טוב פון בוימער-פלאנצונגען. דער יודישער נאציאנאל-פאנד טיילט אין אלע שטעדט יונגע ביימלעך וועלכע ווערען דורך די קינדער פערפלאנצט אין די נייע שכונות וואס זענען אין משך פונ'ם יאהר אויפגעבויט געווארען.

און דער דריטער קינדער יום - טוב איז ל"ג בעומר. ווען עס ווערט געמאכט א אויספלוג פון די קינדער אין א יודישען דארף.

די אלע יום-טובים האבען א גרויסע ערציהערישע בעדייטונג. עס ווערט אין קינד איינגעפלאנצט דער נאציאנאלער בעוואוסטזיין און עס ווערט צוגעבונדען צו דעם נאטור-לעבען.

אויך די שטעדט האט געשאפען אייגענע יום-טובים און פאלקס - פייערונגען. כ' תמוז איז אנ'אלגעמיינער נאציאנאלער טרויער טאג אינ'ם גאנצען לאנד. די שטאדט תל-אביב האט אויך געשאפען דעם „יום - טוב פון פורים" פורים האט שוין בעקומען איר טראדיציע מיט איהר גרויסען קארנאוואל.

מיט א יאהרן צוריק האט דער דיכטער ביאליק געשאפען דעם „עונג-שבת" אין תל-אביב. יעדען שבת פארנאכט צו שלוש סעודות קומט מען זיך צונויף און מען רעדט וועגען פערשידענע ליטערארישע פראגען און דערנאך ווערט געזונגען נגונים, זמירות ביז אין דער נאכט אריין. דער „עונג שבת" האט זיך שוין אויסגעשפרייט איבער אלע שטעדט פון ארץ ישראל און איבער פערשידענע שטעדט פון אייראפא. אין תל-אביב ווערט אויך געלערנט תנ"ך פון ש. ל. גארדאן און אגדה פונ'ם דיכטער ביאליק. די אנהענגער פונ'ם „עונג שבת" האט זיך גאר שטארק צעמאכט. אזוי אז אין ירושלים האט אנגעהויבען צו דערשיינען א זאמלונג „עלי עונג שבת" און אין תל אביב ווערט די צווייטע וואך געלייגט דער יסוד פאר א הויז פאר'ן „עונג - שבת", וואס ווערט אויפגעשטעלט דורכ'ן נדבן בלום, וועלכער האט א פאבריק אין תל - אביב פון קינסט-ציין. דאס הויז וועט זיין גאר גרויס. ס'וועט האבען א זאל פאר 2,500 זיץ - ערטער און אסך צימערן ארום דעם זאל.

נאך דער מלחמה, ווען עס האט זיך אנגעהויבען די גרויסע עליה, די חלוצים בעזעצען זיך אין עמק יזרעאל און שאפען דארט א ניי געזעלשאפטליך לעבען, בעגייען זיי אויך און פרישען אויף די אלטע נייע פאלקס-יום-טובים. דער עמק יזרעאל וועלכער איז א סינטעז פונ'ם ציוניזם מיט'ן סאציאליזם איז אויך א פינטעל פון די אלט - נייע יודישע קולטור-פארמען, עס ווערען געשאפען נייע יום-טובים, אבער די אלטע טראדיציאנעלע יום-טובים ווערען נישט אפגעשאפט. אין דער שטאדט עפולה, אדער עיר יזרעאל ווי זי ווערט איצט גערופען, איז ווי די וואך געלעגט געווארען א פונדאמענט אויף א בית-הכנסת וואס וועט אויפגעבויט ווערען דורכ'ן נדבן שלום לייב פון מוקדן. א צווייטע בית הכנסת ווערט איצט געבויט אין מרחביה דורך די דארטיגע חברים מיט דער מיטהילף פון דער מזרחי, דערביי אבער ווערט אין יעדען יום טוב אריינגעפיהרט א נייער אינהאלט וואס דריקט אוים דאס פרישע יודישע ארבייטער-לעבען פונ'ם עמק. אט למשל ווערט אין עין - חרוד פסח ביים סדר גערעכנט דורך א קינד פון דער קבוצה אחוץ די טראדיציאנעלע פיער קשיות אויך א גאנצע רייהע אייגענע קשיות וואס דריקען אוים די אונגערעכטיגקייט פונ'ם שטעדטישען לעבענס-שטייגער. בעת א קינד פערענדיגט די שולע אינ'ם עמק און הויבט אן צו עסען צוזאמען מיט'ן פאטער אין בשותפות'דיגען עס-זאל ווערט א קינדער-יום-טוב געמאכט. עס ווערען אויך געשאפען יום-טובים וואס דריקען אוים די וואוקס און די ענטוויקלונג פון דער קבוצה. אזא יום-טוב איז דער יום-הרפת, וועלכער ווערט געפייערט איין מאל אינ'ם יאהר, דאס הייסט אז אין דעם טאג עסט מען נישט אין דער קבוצה, נאר פון דער משק-פראדוקציע: מילך, פוטער, קעז און פערשידענע מאכלים וואס ווערט דערפון געמאכט, כדי צו ווייזען דעם וואוקס פון פי-צופט.

א זעהר ערהעבליכער יום-טוב איז דער חג הבכורים, שבועות, וועלכער ווערט געפייערט אין יעדער קבוצה פונ'ם עמק און אין דעם טאג קומט מען זיך צוזאמען פון אלע יודישע פינקטען פונ'ם עמק אינ'ם געשמיקטער קבוצה, יעדע קבוצה שיקט ארוים א וואגען מיט איהרע שענסטע ערשטלינגע תבואות און פירות, דער וואגען ווערט פערציערט מיט גרינס און פערשידענע ירקות, אינ'ם וואגען ווערט אויך אריינגעזעצט דאס שענסטע קעלבעל און אייזעל וואס איז אין משך פונ'ם יאהר געבוירען געווארען און דאס שענסטע קינד פון דער קבוצה. אלע קינדער געהען נאך נאכ'ן וואגען צוזאמען מיט אלע קבוצה - ארבייטער בעגלייטענדיג איהם אויפ'ן גאנצען וועג מיט געזאנג הורא - טענץ. ווען אלע וואגענ'ס זענען שוין איינגעזאמעלט געווארען ווערט דורך אנ'ארבייטער-קאמיטעט אונטערזוכט וועלכע ארבייטער-ווירטשאפט האט זיך אמבעסטען ענטוויקעלט אין משך פון דעם יאהר און וועלכע האט זיך אמבעסטען ענטוויקעלט בעקומט א פרייז. דאן ווערען די בכורים אוועקגעשאנקען פאר'ן קרן קימת לישראל.

איך מיין אז נישט אלע נייע יום-טובים און פאלקס - פייערונגען וועלען שוין אזוי פערבלייבען אויף תמיד אין דער פארם ווי זיי ווערען איצט געפייערט. עס זענען פערהאן א סך וואס וועלען מיט דער צייט אפשר אונטערגעהן און נייע וועלען אויף איהר ארט קומען. א טייל ווידער וועלען אומגעארבייט ווערען, אבער דאס אלץ צוזאמען בעווייזט אז צוזאמען מיט דער ענטוויקלונג פון יודישען ישוב ווערען אויך געענדערט און ענטוויקעלט די יודישע פאלקס-פייערונגען און ימים-טובים.

דער יונגער פריץ און דער גלח.

א שבועות-מעשה פון בעלזער רבינ'ס הויף

פון יוסף מ.

מיט אסך יאהרען צוריק האט אין דער שטאדט פ. אין גאליציען געוואוינט א גלח וועלכער איז געווען א שרעקליכער שונא ישראל, און שטענדיג האט ער גאר אויסגעטראכט בלבולים אויף יודען און געוואלט זיי טהון שלעכטס.

דער גלח איז געווען איינער פון די גרעסטע אין לאנד, און ער האט געהאט א גרויסען איינפלוס, און דעריבער האבען זיך די יודען זעהר געשראקען פאר זיינע פלענער, און זיין נאמען איז געווען ביי יודען ווי המן אדער עמלק אין זייער צייט.

די יודען פון גאנצען געגענד האבען פאר איהם געציטערט, איבערהויפט די יודען פון דער שטאדט פ. וועלכע פלעגען אויסליידען זיך מיט איהם צו טרעפען. אבער דער גלח האט אלס געהאלטען אין איין טראכטען ווי אזוי יודען שלעכטס טהון, און אזוי ווי דאמאלס האבען די פריצים געהאט די גאנצע דעה ביי דער רעגירונג אין לאנד האט ער זיך בעמיחט צו בעאיינפלוסען די פריצים אז ס'זאל ארויסגעגעבען ווערען שווערע געזעצען געגען יודען.

כמעט אלע פריצים האט איהם געלונגען איבערצוחענען אויף זיין זייט, בלויז איין פריץ איז געווען אין גאליציען, אין מאקי פון די גרעסטע, וועלכער האט זיך פון דעם גלח נישט געלאזט בעאיינפלוסען, און דער גלח האט געטראכט פערשידענע עצות און תחבולות ווי אזוי דעם דאזיגען פריץ איבערצורעדען.

איינמאל פאר שבועות האט דעם דאזיגען צורר ישראל געלונגען אויסצוטראכטען א עלילת דם אויף יודען, און טראץ דעם וואס עס האט זיך באלד אויסגעוויזען דער אמת איז פארט די לאגע געגען יודען געווען א אנגעשטרענגטע, און דער גלח האט דאס געוואלט אויסנוצען ארויסצורופען אויף יודען א פאגראם, און דאס האט ער בעשטימט אויף שבועות, אויף דעם הייליגען יום-טוב האט ער געוואלט צוגעגרייט א שרעקליכען פאגראם אויף יודען אין דער שטאדט פ. און פון דארט האט זיך געזאלט פערשפרייטען אויף אנדערע יודישע קהלות.

די יודען פון פ. און אומגעגענד האבען וועגען דעם געוואוסט און זיי האבען געלעבט אין דער גרעסטער שרעק און פערצווייפלונג, און וואס נעהנטער עס איז געקומען צו שבועות אלס גרעסער איז געווארען די מהומה צווישען דער יודישער בעפעלקערונג. ערב שבועות איז ביי אלע יודען געווען ווי תשעה באב, אלע האבען זיך בעהאלטען אין די שטובען, און געזעסען אין דער גרעסטער ציטערניש פאר'ן מארגענדיגען טאג.

אין דער זעלבער צייט איז פארגעקומען פאלגענדע מעשה:

דער פריץ וועלכען דער גלח האט נישט געקענט מאכען פאר קיין שונא ישראל האט פערמאגט זעהר פיעל גוטער, וועלדער און שלעסער און פערשידענע אנדערע נחלאות. קיין שלעכטער מענש איז דער דאזיגער פריץ נישט געווען און עטליכע הונדערט יודען האבען פון איהם געמאכט א גאנץ בכבוד'יג לעבען.

דער דאזיגער פריץ האט נישט געהאט קיין סך קינדער, נור בלויז איין איינציגען זוהן, וועמען ער האט זעהר ליב געהאט. דער יונגערמאן וועלכער איז אלט געווען עטליכע און צוואנציג יאהר איז געווען א זעהר גראבער און איז שוין געווען דעם פאטערס גאנצער בעל יועץ אין זיינע געשעפטען.

דער דאזיגער יונגערמאן איז אבער נישט געווען אזא גוטער מענש ווי זיין פאטער. ער איז שוין געווען א הפט-העלמינגער, ער האט געלערנט אין די שולען און דארט האט ער פון זיינע חברים און די גלחים זיך אויסגעלערנט צו זיין א שונא ישראל, און ווען ער האט נור געהאט א געלעגענהייט (די גאנצע דעה האט ער נישט געהאט) פלעגט ער די יודען, וועלכע האבען געוואוינט אונטער זיין פאטער, גרויסע צרות אנטהון און די יודען האבען געהאט א רופטיגע מורא, אז ווען ער וועט אמאל איבערנעמען זיין פאטערס גיטער, וועט דאס פאר זיי זיין א גאר גרויסע רעה.

עטליכע פון די יודען, וועלכע פלעגען פאהרען צום בעלזער רבי'ן האבען איהם אלץ איבערגעגעבען וועגען דעם דאזיגען יונגען פריץ און געבעטען אז ער זאל זעהען קפיס טהון, אז זיין

תיקון.

(נישט קיין מאנאלאג)

יא, איהר זאגט אז תיקון איז א יודישע זאך און וועלכען מען האלט זיך משנים קדמונים, שבועות און הושענא-רבה בייינאכט זאגט מען תיקון, ווען חסידים קומען זיך צונויף טרינקט מען א „גלעזעל" אויף תיקון, און מען פאהרט צום רבי'ן אויף תיקון.

אמת, א מערקווירדיגע זאך איז דער תיקון ביי אונז יודען, ביי קיין שום אומה ולשון זענען נישט פערהאן אזעלכע זאכען וואס וואלטען געהאט א תיקון ווי ביי אונז, אזוי אז מיר האבען כמעט נישט קיין זאך וואס זאל נישט דארפען א גרעסערן אדער א קלענערן תיקון, פון אנהויב ביז'ן סוף, אלץ איז ביי אונז צובראכען, צושייבערט און צודרעהט און עס דארף האבען א גרונדליכען תיקון.

נעמען מיר למשל אונזער קהלה, די אזוי גערופענע העכסטע יודישע אינסטאנץ, מיט איהרע קהלה'שע אינסטיטוציעס, ווייסען מיר דאך אלע ווי דאס זעהט אוים, ווי אלץ איז פערנאכלעסיגט און איבער אלעם ליגט א גרויסער שימעל. עס איז גענוג אנצוווייזען, א שטיינער אויף דער אלטער שטאדט-שוהל, די איינציגע ביי אונז אין שטאדט וועלכע זעהט אוים פון דרויסען ווי א פיסאקע, אמת מען האט זיך לעצטענס גענומען צו מאכען דארט א רעמאנט, ס'הייסט א תיקון, אבער ווער ווייס ווען דאס וועט ארויסקומען און ווי דער תיקון וועט אויסזעהן.

אין דער גערבנער-פערטע האט מען שוין כלומרשט געמאכט א תיקון, מען האט זי איבערגעגעבען דעם „השומר הצעיר" און יוצא, אבער איך מיין אז דער „חשובער" וועט איהר נאכנישט געבען דעם ריכטיגען תיקון.

איצט די האנדווערקער - שולע, ווי לאנג רעדט מען שוין אז זי דארף האבען א תיקון, אז מען דארף ווענינגסטענ'ס די געביידע איבערפרישען, אז זי זאל האבען א אנדער פנים און אלץ בלייבט ביים אלטען.

און די „סאלא זשיענטש", א אנשטאלט אין וועלכען יודישע מיידלעך, האבען געהאט די מעגליכקייט זיך אויסצולערנען א פאך און זיך שאפען א עקזיסטענץ און די קהלה האט דאביי געקענט האבען א נעהיגע הכנסה, און אט שטעהט זי פערשלאסען מיט זיבען שלעסער, מען זאגט אז עס געפונען זיך כלים און סחורות פאר א שעהנע סומע און טלץ נעהמט לאינבור, נו, דארף דאס נישט קיין תיקון?

איך וואלט אייך געקענט נאך גענוג אויפרעכנען און בעווייזען אז אלעם מחחל ועד כלה דארף האבען א תיקון, אבער כ'מוז זאגען אז נישט בלויז מיט די קהלה'שע אינסטיטוציעס איז דאס אזוי, נאר ביי די פריוואטע אנשטאלטען איז דאס אויך נישט בעסער, אלע קולטורעלע, פילאנטראפישע און אפילו עקאנאמישע אנשטאלטען דארפען האבען א תיקון, אבער זיי אלע אויסצורעכנען וואלט נישט געקלעקט קיין פאפיר מיט קיין טינט, אזוי ווי מיר זאגען אין אקדמות.

דארום לאמיר זיך נישט נארען, מיר ווייסען דאך אלע וואספארא גרויסען תיקון עס דארפען האבען אונזערע חינוך - אנשטאלטען, אנהויבענדיג פון מחזיקי הדת און אויסלאזענדיג ביי די יודישע גימנאזיעס, איצט ווער שמועסט פון די יודישיסטישע פאלקס - שולען, דאס ווער ווייס אויב א תיקון קען זיי נאך העלפען.

און די פילאנטראפישע, דאס יודישע שפיטאל, לינת הצדק, הכנסת אורחים, בית לחם וכדומה, וואספארא גרויסע און וויכטיגע תיקונים דארפען זיי אלע האבען אז זיי זאלען באמת זיין דאס וואס זיי דארפען און וואס זיי האבען אנגעשריבען אויף זייערע שילדען.

איצט די עקאנאמישע. מילא, די האנדווערקער וועל איך נישט אנרוהרען, זיי דארפען נישט אנווייזען אויף קיין שום פעהלער, זיי האלטען זיך העכער פון יעדער קריטיק אז עס איז גארנישט פערהאנען דער מענש, וואס זאל זיין ראוי זיך אנצורופען וועגען זייערע ענינים, נאר איך מיין אז דאס אליין דארף שוין א זעהר גרויסען תיקון.

די קליינהענדלער דאנקען דאס וועגען מענשען וואס לאזען זיך יא זאגען א אמת ווארט און זיי וועלען מיר נאך אפשר דאנקבאר זיין, ווען איך וועל זיי אנווייזען אויף נעהיגע זאכען וואס דארפען ביי זיי האבען א תיקון, אבער זיי זענען איצט נעבעך צוטומעלט צוליעב דעם לעצטען אבראמאוויטש שמועס וואס האט זיי ארגאניזירט די קעפ און איך בין זיכער אז אויב דער אבראמאוויטש וועט נאר האבען א געהעריגען תיקון וועט שוין ממילא דער קליינהענדלער דערפון אויך האבען א תיקון.

וועגען די יחידים וואס דארפען האבען א תיקון וועל איך שוין גארנישט רעדען. פארטייטשענ'ס אז עס זענען געווען קאלעקטיווע נשמות, פערשאלטענע ברואים וואס האבען זיך ארומגעדרעהט אויפ'ן עולם התחתון. זענען זיי אוועק צום רבי'ן זוכען א תיקון און מען האט זיי פערשיקט אין זייער רוח אריין, אין אלע מיסטע העלדער, וואו קיין מענשען זענען נישט פערהאן, און היינט זענען זיי געווארען כלל-טוער, קהלה-גראבלער, קאך-לעפעל, דעה - זאגער און ווייסען גארנישט אז זיי דארפען האבען א תיקון.

אבער דעם אמת'ן תיקון דארף האבען דאס גאנצע יודישע פאלק צו אלע זיינע פארטייען און פארטייעלעך, גרופען און גרופירונגען, יונג און אלט, מאן און פרוי, אלע דארפען זיי א תיקון האבען, מילא פאר די אלטע איז דאס אפשר שוין צו שפעט, אבער די יונגע איז געבען א שאד, אוי די יונגע, איבערהויפט די מיידלעך אונזערע וואלטען זיך געמעגט א מוסטער מאכען פון אט דער רות. פון אט דער שבועות'דיגער רות, א פרעכטיגער מיידעל פון א פרעמדער נאציע געווארען אזא יודישע טאכטער, מיט דער ריין-יודישער צניעות, מיט די אמת יודישע מדות און זיטען.

יא, א זעהר טייערע זאך איז דער תיקון, אבער מען דארף נישט יוצא זיין בלויז מיט'ן זאגען איהם צוויי מאל אין יאהר, נאר טאקי דורכפיהרען איהם אין לעבען.

איקס.

הארץ זאל פערקערט ווערען צום גוטען. ער פלעגט זײַן פרעסטען און מבטיח זײַן אז השם יתברך וועט אודאי העלפען. אבער ער איז אלץ געבליבען בײַ זײַן אלטען רשעות.

אײַנמאל האט דער רבונו של עולם בעוויזען א נס, און דער יונגער פריץ איז ארעב פון זינען, ער איז וואהר-שײַנליך פון גרויס וואוילטאג משוגע געװאָרען.

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז דער אלטער פ"ץ, דער אומגליקליכער פאטער, האט געטהון אלעס מעגליכע זײַן אײַנציגען זוהן צו ראטעווען. מען האט גענוצט די גרעסטע דאָקטוירים און אפילו געבראכט פון וויען די בעריהמטעסטע פראָפעסאָרען, אבער אלעס איז געווען אומזיסט. אנשטאט אז עס זאל דעם יונגענמאן בעסער ווערען, איז ער געוואָרען נאך מעהר ווילדער און ווי מאנכע פון די גאר גרויסע דאָקטוירים האבען ערקלערט, איז געווען א מורא, אז ער וועט שוין אזוי פערבלײַבען אויף שטענדיג.

דער פריץ האט, פונקט ווי אלע אנדערע פריצים, געהאט זײַנע א יוד, וועמען ער האט זיך גאָרנישט געקענט באגעהן און ער פלעגט זיך אפט מיט איהם מתיעץ זײַן אין אלע זײַנע עסקים.

אז דער יוד, וועלכער איז מאקי-נעהען א בעלזער חסיד, האט געזע-הען די גרויסע יסורים פון דעם אל-טען פריץ, האט ער איהם אײַנמאל א עצה געגעבען, אז ער זאל מיט זײַן משוגענעם זוהן אריבערפאָהרען קײַן בעלז צום רבין, בײַ וועלכען עס ווע-רען אזוי פיעל קראנקע, דערונטער אויך משוגעים געהאלפען...

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז דער פ"ץ האט זיך שטארק אנגעכאפט אן דער דאָזיגער עצה. ער האט באלד געהײַסען אײַנשפאנען פערד און צוזא-מען מיט זײַן זוהן איז ער תיכף אוועק קײַן בעלז, זײַן יוד, דעם עצה-געבער, האט ער אויך מיטגענומען.

אז זיי זענען אנגעקומען קײַן בעלז ערב שבועות האט דער בעלזער רבי אין אנפאנג זיך ענטזאגט זיי גאר אויס-צונעהמען, ערקלערענדיג אז עס העלפען נישט קײַן יודישע חילאים, פאר וועמען מתפלל צו זײַן פאר השם יתברך, זיי זענען דאך נעביך דא גענוג און מען קען זיי אלעמען נישט העלפען, נאך וואָס'זשע זאל איך מיך מוסר נפש זײַן פאר א גוי און נאך פאר א רשע-מרושע דערצו? און עס איז דאך אפשר גלײַכער אזוי, וואס דער רבונו של עולם האט אזוי געטהון, וואס ער האט בײַ איהם צוגענומען זײַן שכל, כדי ער זאל נישט קענען יודען קײַן שלעכטס מהון. און ער האט דעם אלטען פריץ געהײַסען זאגען, אז ער איז נישט קײַן דאָקטאָר אדער כשוף-מאכער, וועלכער זאל קענען זײַן זוהן היילען.

דער בעלזער חסיד האט אבער שטארק מפציר געווען אין רבי'ן און דערצעהלט, אז אונטער דעם דאָזיגען פריץ לעבען א ערך פון דרײַ הונדערט יודען און ער האט איהם געזאגט, אז אויב דער רבי וועט איהם איצט נישט העלפען אין זײַן צרה, וועט ער דאס אננעמען אלס א בעווײַז אז די יודען צוזאמען מיט זײַער רבי'ן האבען נאך אין איהם א נקמה, וואס זײַן זוהן איז ארעב פון זינען, ווײַל זיי זענען אויף איהם בײַז, און ער וועט דערפאר אלע יודען תיכף ארויסטרײַבען פון זײַנע אלע קרעטשמעס און גיטער.

דערצו איז דער דאָזיגער יוד גאר קײַן נאר נישט געווען. ער האט מיט ווארימע ווערטער אויסגעוויזען, אז עס וועט זײַן א קדוש השם, אויב דער יונגער פריץ וועט דורך'ן רבי'ן געהאָלפען ווערען, אלע פריצים וועלען דורכדעם קוקען מיט מעהר אכטונג אויפ'ן גאנצען כלל ישראל און זיי נישט אנטהון אזוי פיל יסורים, אדער אויף זײַ אויסטראכטען גזירות רעות.

בקיצור דער רבי האט זיך געלאָזט צורעדען, און ער האט ערלויבט אז דער פריץ מיט זײַן משוגענעם זוהן זאלען ארײַנגעלאָזט ווערען צו איהם די ערשטע נאכט שבועות נאָכ'ן „טיש" פאר „תיקון".

ווען זיי זענען ארײַנגעקומען צום רבי'ן האט ער דעם אלטען פריץ אויפ-גענומען בכבוד גדול ווי עס פאסט פאר אזא חשובער פערזאן ווי ער איז, און דער רבי האט איהם געבעטען אז ער זאל איהם צוזאגען אז ווען זײַן זוהן וועט געזונד ווערען זאל ער חור-קען אויף איהם אז ער זאל זײַן גוט צו יודען, אזוי ווי דער אלטער פריץ איז. דער אלטער פערצווײַפעלטער פאטער האט מן הסתם אלעס צוגע-זאגט אבי דער רבי זאל ראטעווען זײַן אײַנציגען זוהן.

איך בין נישט קײַן דאָקטאר און נישט קײַן כשוף מאכער -- האט דער רבי געזאגט -- אבער איך וועל פאר דײַן זוהן מתפלל זײַן אז ער זאל האבען א רפואה שלימה, און איך האף אז השי"ת וועט צוהערען מײַן געבעט, אבער נאך אײַן זאך מוזט מהון: פאהר שוין אהײם אין דער שטאדט ב. ווי עס וואוינט א זעהר גרויסער גלח, און איך בין זיכער אז ווי גאר דײַן זוהן וועט דערזעהן דעם גלח וועט ער באלד האבען א רפואה.

נישט דער פריץ און אויך נישט דער יוד האבען געקענט פערשטעהן די בעדײַטונג פון רבינ'ס ווערטער, זיי האבען אבער געפאָלגט. דער יוד האט געמוזט בלײַבען שבועות אין בעלז און דער פריץ מיט זײַן זוהן זענען גלײַך אהײמגעפאָהרען קײַן ב.

דער פריץ האט געהײַסען וואס שנע-לער טרײַבען די פערד און זיי זענען אנגעקומען קײַן ב. נאך גאר פריה און גלײַך פערפאָהרען צום גלח.

דער גלח האט שוין נישט געשלא-פען, ער איז געזעסען פערטיפט מיט'ן מאלען די הכנות צום הײַנטיגען פא-גראם, דורך וועלכען ער האט גע-גלויבט צו נעהמען דעם פריץ אויף זײַן זײַט, ארויסצופיהרען די געפלאנטע גזירות אויף יודען. און פלוצים איז ער ערשטוינט געוואָרען און נישט גע-גלויבט זײַנע אײַגענע אויגען וועהענדיג אז אין דער פריה צײַט קומט נא-דער פריץ צו פאָהרען צו איהם.

דער גלח איז אויף גיך ארויסגעלא-פען דעם פ"ץ מקבל פנים צו זײַן, לויט ווי עס פאסט פאר אזא אדם חשוב ווי ער איז.

אבער קוים האט דער יונגער משו-געגער פריץ דערזעהן דעם גלח, איז ער תיכף ארויסגעשפרונגען פון דער קארעטע און מיט דעם שטעקען וועל-כען ער האט געהאלטען אין דער האנד האט ער דעם זעהר דערשרא-קענעם גלח אנגעהויבען צו שלאגען מכות אכזריות, איבער'ן קאפ, איבער די הענד און וואו ער האט נאר גע-קענט דערגרײַכען. ער האט איהם אזוי לאנג געשלאגען ביז דער גלח איז אנידערגעפאלען א זעהר שטארק צו-בלוטיגטער.

תיכף ווי דאס איז נאר פארגעקומען האט מען דערזעהען ווי דער יונגער פריץ איז ווידער געווארען צוריק כאחד האדם, בײַם רײַנעם שכל. ער האט זיך איצט אבגעקיהלט פון זײַן גרויסער רציחה און איז צוריק געוואָרען ווי יעדער אײַנער מענש.

מענשען האבען קוים דעם גלח ארויסגעריסען פון דעם יונגען פריצ'ס הענד, מען האט דעם גלח ארײַנגע-טראָגען אין שטוב, אבער צו אלעמענס ערשטוינונג האט ער אנגעהויבען בי-לען ווי א הונד און מאכען פערשיע-נע תנועות, צו וויינען און לאכען, אני-דערפאלען זיך אויף דער ערד אדער טאנצען. דער דאָקטאר, וועלכען מען האט גערופען האט פעסטגעשטעלט אז ער איז געפעהרליך משוגע געוואָרען.

באלד האט זיך די מעשה פערש-פרײַט איבער דער שטאדט. עס איז פערשטענדליך אז דער פאגראם איז שוין נישט פארגעקומען און די יודען האבען זיך ערשט גענומען צו פרײַען דעם הײַליגען יום-טוב שבועות.

און אזוי זענען די יודען פטור גע-ווארען פון א שרעקליכען שונא-ישראל און גליקליכע צײַטען בעקומען און דעם יונגען פריץ א איבערגעבענעם יודען-פרײַנד.

אלקעראַרט פערדײַאונגס-שטערונגען זויערקײַט פון מאגען, נײַגונג צו גאל שטײַנער, צורײַצטקײַט פון דעל פּרינ-דער קישקע פערלײַכטערט און הײלט דאס שטענדיגע בענוצען פון אלקאלישע וואסער, ער-האלטען דורכ'ן צולאָזען אקטיוירער ערער מעגליך צו פרויש נאטורעל וואסער דערגעהנטערע

Tabletek Vichy Magistra Klawe

נישט פערטרעטען אין דער רײַזע, בײַם עסען אין רעסטאָראן, בײַם צופיעל טרינקען אלקא-האָל אזוי. צו בעקומען אין יעדער אפטײַק און דראָגעריע.

וואס געהערט, וואס געזעהען.

און מען מוז שלאָגען זיך צווײַ גע-דאנקען, אײַנער וואס טענה'ט אז מען דארף דעם הײַנטיגען „געהערט און געזעהען" ווידמען דעם פריהלינגס-יום-טוב שבועות און שרײַבען מעניגא דוומא, ווי עס איז דער מנהג מקדמונים, קומט אבער דער צווײַטער געדאנק וועלכער זאגט אז יום-טוב איז מאקע יום-טוב, אבער עס איז אַנ'עבירה אדורכצולאָזען די געשעהענישען פון דער וואך אויף וועלכע יודען ווארטען און קאנען זיך קוים דערווארטען ביז פרײַטאג (אײַגערעדט מעג איך זיך כאטש). קורץ, עס קומט בײַ מיר פאר א ווית-יוצאו און ביני לבינו, אזוי ווי איך פאלעמיזיר מיט זיך אליין ווערען די שורות אלץ פולער און וועל באלד נישט האבען וואו צו שרײַבען. מחמת אין הײַנטיגען נומער וועלען זיך מסתמא געפינען יום-טוב-ארטיקלען וכדומה, איך וועל דעריבער דאסמאל שרײַבען אהן א סדר און וועל פער-צײַכענען דאס וואס קומט מיר אונטער דער האנד.

רעמאָנט.

עס נעהמט א מדרה רעמאָנטען, קודם כל בין איך אײַך מודיע, אז מען האט רעמאָנטירט די קהלה, ד. ה. נישט חס ושלום, אז די קהלה האט אויפגעפיהרט דעם בעשלוס פון ראט און האט פערגרעסערט דעם לאָקאל, אזוי ווי עס פאסט פאר דער יודישער קהלה אין טשענסטאָכאָוו. אָה, צו דעם איז נאך גאנץ ווײַט, נאר פשוט מען האט אויסגעמאלט דעם לאָקאל פון דער קהלה און דאס דארף פערצײַכענט ווערען אלס א גוטע התחלה.

שישי ושמחי בת ישראל.

דאס מײַן איך צו זאגען וועגען דעם חנוכת הבית וואס איז פארגעקומען אין היגען זקנים און יתומים-הויז דעם פאַ-רינגען זינטאג. איך בין אפילו נישט קײַן גרויסער אנהענגער פון די פילאנ-טראָפּישע אינסטיטוציעס, ווארום איך וואלט געוואלט אז די וועלט זאל זײַן אזוי אײַנגעארדענט, אז יעדער זאל זיך אליין קאנען העלפען און נישט דאר-פען אנקומען צו יענעמ'ס טובות, לע-בען מיר דאך אבער אין דער אומזי-נער צײַט, ווען פילאנטראָפּיע איז נאך נויטיג, מוז מען נאך בעגריסען דאס וואס עס איז געשעהן און גוט און די פילאנטראָפּישע אינסטיטוציעס.

איך וויל איצט נישט רעדען וועגען דעם גאנצען אויפטהו פון דעם היגען זקנים און יתומים הויז, וואס איז א מוסטערהאפטע און מעג שטאָלצירען פאר גאנץ פוילען מיט איהר ארבײַט, דאס וועט מיר אויסקומען צו מהון א אנדערש מאהל, איך וויל נאר פער-צײַכענען עטליכע כאראקטעריסטישע מאָמענטען וואס איך האב בײַגעוואוינט בעת דער פײַערונג.

קודם כל מוז איך פעסטשטעלען אז די פײַערונג איז אדורך גלענצענד, עס זענען געקומען כמעט אלע פארשטע-הער פון דער ציוויליער און קאָמונא-לער מאכט פון אונזער שטאדט ובתוכם די יודישע קהלה און א רײַהע דעלע-גאטען פון ווארשא א. א.

אין די בעגריסונגען האט דער גע-עהרטער רב געמאכט א גרויסען קאָמ-פלימענט אונזערע משענסטאָכאָווער פרויען כאטש און אנהייב האבען זײַ געמײַנט אז ער קריטיקירט זײַ, ווא-רום ער האט אנגעהויבען מיט'ן פסוק וואס שלמה המלך האט געזאגט אז אחת מאלף לא מצאתי, אז אײַנע פון זײַ איז נישט קײַן רעכטע, עס איז מאקי געווארען א גרויסע בעהעלונג און זאל (געוועהנליך צווישען די פרוי-ען) נור שפעטער האבען זיך זײַערע פנים'ער אויסגעלײַטערט ווען דער רב האט געזאגט אז ער וויל זיך נישט ארײַנלאָזען אין קײַן מחלוקה מיט די מענער אדער פרויען, און וויל דערי-בער נישט זאגען זײַן מײַנונג צי שלמה המלך איז געווען גערעכט אדער נישט, ס'איז אבער קלאר, ווען שלמה המלך וואלט הײַנט געלעבט און וואלט געזעהן אונ-זערע... שרײַבען זײַן בעדאוסטען פסוק, וואלט ער געמוזט צוגעבען דאס ווארט, אז אויב צווישען פרויען איז מאקי נישטא אײַנע א רעכטע, זענען אבער אני-אויסנאהם די משענסטאָכאָווער פרויען, וועלכע צײַכענען זיך אויס מיט מעשים טובים. דעם וואס בײַ זײַ אזוי אויס-גענומען אז זײַ האבען לאנג און ווײַט אפלאָדירט.

דאן איז ווערט צו בעצײַכענען דאס וואס דער דעלעגאט פון דער ווארשא-ווער צענטראלע האט בעגריסט און גערעדט אויף פראָסט יודיש און דוקא מיט א ליטווישען דיאלעקט, אונזערע אשת חיל'ס האבען זיך נעביך געמוזט אנשטרענגען אז זײַ זאלען גוט פער-שטעהן אבער א ברירה האבען זײַ גע-האט, דאן האבען די פראָמערע דעלע-גאטינס פון ווארשא און לאָדז גערעדט עפּיס צופיעל וועגען דער נאציאנאלער ערציהונג וואס מיר דארפען געבען אונזערע קינדער, אונזערע ווײַבלעך וועלכע האבען א אנדערן בעגריף וועגען דעם (יא אזוי איז עס) איז דאס געווען קשה, אבער איך בין געווען צופרידען וואס זײַ אונזערע מאדאמס, וועלכע עס קומט טאקי א הארציגער יישר כח פאר זײַער הײַליגער איבער-געבענער ארבײַט לטובת די אונטער-דריקטע און ארומע, אבער עס מאכט נישט אויס ווען זײַ וועלען בײַ דער געלעגענהײַט זיך אויך בעמיהען אײַנ-צופלאנצען דעם נאציאנאלען גײַסט פון אונזער פאלק און אונזער שטאם, אז די קינדער וואס וועלען זיך דארט ערציהען זאלען זײַן גוטע בירגער פון לאנד און גוטע שטאָלצע יודען און טרײַע קינדער פון זײַער פאלק, דא-מאלס וועט דער וואונש פון די ווא-רשאווער און קאלצער דעלעגאטען מקוים ווערען און עס וועט זײַן אזוי ווי די קאלצער דעלעגאטין פרוי ד"ר שאכט האט געענדיגט:

שישי ושמחי בת ישראל.

א אינטערפּעלאציע צו דער היגער קהלה-פערוואלטונג.

מורי ורבותי! מיר אונטערגעשריבע-נע האבען דעם כבוד אנצופרעגען די פערוואלטונג פון דער יודישער קהלה, צי זײַ איז בעוואוסט די נײַע פעראָר-דנונג פון מקוה קאָמיסאר, אז — נו איהר ווײַסט דאך שוין מסתמא וואס מיר מײַנען, אז דער וואס געהט און א שט-רײַמעל מאר אין דער מקוה נישט געהן, און וואס פראבלען זײַ צו מהון מיט'ן לו"ניק יוזעק, (אנדערש קאן מען איהם נישט אנרופען), וואס האט זיך פריהם נעהמען איבער זײַ און האט נישט מקיים נעהמען דעם בעפעהל פון ר' וואלט'ן נאר האט זײַ יא ארײַנ-געלאזט אין מרחץ ארײַן. מיר זענען נישט אויסען איצט זיך אנצוזעצען דעם כבוד פון די בעלײַדיגטע, ווארום זײַ קאנען זיך אליין זײַער שטעדטיל בעשטעהן, אונז איז נור זעהר אינטע-רעסאנט צו וויסען, צי איז דער אוי-בענדערמטשהנטער בעפעהל מיט די קהלה'ס ידיעה. מיר דארפען עס נוי-טיג וויסען מחמת עס געהט צו נײַע וואהלען...

מיר ווארטען אומבעדינגט אויף א ענטפער, וועלכער זאל קלאר מאכען די לאגע און ווען דאס הפקירות וועט ענדליך אויפהערען.

א גרופּע יודישע יודען.

מעשה בשני אחים.

האט איהר אמאל געלעזען א מעשה בוכעל מ'גימל אחים פון 3 ברידער, אײַנער איז געווען א — דער צווײַ-טער א. ז. וו. איך וועל אײַך דער-צעהלען א מעשה פון 2 ברודער, אײַ-נער פון זײַ שמ'ט פאר א גרויסען חסיד און דער צווײַטער איז אויך א חסיד, האבען זײַ בײַדע געהאט שות-פות א געשעפט און דאס געשעפט געגאנגען מטה מטה אז עס האט נישט געפײַעט פאר בײַדע, הכלל זײַ הא-בען זיך צושיידט, אײַנער האט זיך צו-געשטעפעט צו א גרויס געשעפט און דער צווײַטער ברודער איז געבליבען בײַ די פאליצעס, נור היות ווי עס האט געהײַסען אז יענער בלײַבט בײַם געשעפט האט ער אויסגעשטעלט וועק-סלען, וועלכע זאלען דעם אבטרעטענ-דען שותף לײַכטער מאכען אויפ'ן הארצען, יענער ברודער האט אבער נישט געמאכט קײַן קאָמפּראָמיס און האט אויסגעשטעלט די וועקסלען, אזוי ווי דער ברודער דער געוועזענער שותף האט נישט געצאהלט די וועקסלען מחמת ער האט נישט געהאט מיט וואס (ווען ער וואלט אפילו יא גע-האט וואלט ער עס אויך בערטראכט פאר די קינדער זײַנע אויף ברויט), האט איהם דער ערשטער ברודער אײַנ-געקלאגט אין געריכט ארײַן, און שבת איז פארגעקומען דער משפט, דער פסק דין איז נאך נישט ארויסגעטראגען געווארען מחמת דא האנדעלט זיך וועגען עפּיס א נישט פונקטליכקײַט וואס דער תובע האט געטהון און דער פראָצעס וועט פאָרקומען נאכאמאל.

דערװײַל קאכט זיך און שטאָרעט, ווונדערן פרעגען זיך אלע, בײַ 2 ברי-דער זאל פארקומען אזא מיאוסע מעשה און נאך בײַ וואס פאר א ברודער, וועלכע גילטען אלס חשוב'ע אנגעזע-הענע חסידישע יודען, רעדט מען מס-קי דערפון אז דאס איז א מיאוסע מעשה משני אחים:

גרינס אויף שבועות.

איך האב ברעה געהאט צו שרײַבען עטליכע שורות וועגען יום-טוב שבועות איך האב זיך געוואלט צושרײַבען ווע-גען פריהלינג, וועגען די נאטור וואס איז גרין, פריש, און איך האב עס גע-וואלט פערגלײַכען מיט אונז יודען, אזוי ווי דער שמהגער איז פון אלע פעטעטען... נור די לעצטע מינוט האב איך רעזיגנירט, איך האב א קוק גע-טהון ווי אזוי מיר זעהען אויס, איז מיר גרין און געל געווארען פאר די אויגען, נישט קײַן פריהלינג איז בײַ אונז, עס איז נאך ווינטער, דער אײַז בעדעקט נאך אונזער לעבען. פערפאַ-לען, איך קוק דעם אמת אין די אוי-גען ארײַן, איך קען נישט שרײַבען ווע-גען פריהלינג דאמאלס, ווען ווארפען זיך פון דרויסען שטאק, פאנען זיך מיט יאדינע, ווארפען זיך אונטער די רע-דער פון א צוג איז א געוועהנליכע טאג-טעגליכע ערשײַנונג.

דעם טאנצינג וואס איך קאן שרײַ-בען וועגען הײַנטיגען שבועות איז. אז מיר וועלען אנשטאט 2 האבען גאנצע 4 טאג יום-טוב, דאס איז אונזער גרינס אויף שבועות...

דער אנהויב פון סוף.

ענדליך איז געענדיגט געווארען די אלגעמײַנע פערזאמלונג פון די יודישע געזעלשאפטליכע גימנאזיעס. עס איז אויפגעקליבען געווארען א נײַע פער-וואלטונג און עס איז אנגענומען גע-ווארען א רײַהע פארשלאגען, איבער-הויפט איז אײַנשטימיג בעשלאסען גע-ווארען, אז מען זאל אפילו אין דער דריטער קלאס נישט לאזען לערנען די יונגלעך מיט די מײַדלעך צוזאמען.

אבער צו דעם אלעם דארף מען האבען דרײַ זאכען: געלד, געלד און געלד און אזוי ווי געלד קען מען בעקומען נאר דאמאלס, ווען די עלטערן וועלען ארײַנגעבען זײַערע קינדער דארף מען זײַ דערצו בעוועגען און היות ווי די יודישע עלטערן זענען קאלטע נפשות און זײַ אונטערשטיצן נישט אזוי שטארק די ערציהונג פון זײַערע קינדער, דארף מען זײַ דערצו מעורר זײַן. אזוי ווי דאס איז א שווער שטיקעל ארבײַט דארף מען אנהויבען א שטארקע אגי-טאציע, אײַנס איז אז נישט קוקענדיג וואס די אלגעמײַנע פערזאמלונג איז שוין נאך דרײַ פערזיצונגען געקומען צום סוף, האלטען מיר נאך אלץ בײַם אנהויב..

ה' גאָלדשטײַן, וואס האט איהר צו מיר?

אויף דער לעצטער פערזאמלונג פון די יודישע געזעלשאפטליכע גימנאזיעס האט זיך ה' גאָלדשטײַן אויסגעדרוקט אז א פארשטעהער פון דער פרעסע (דאס האט ער מיך געמײַנט, אזוי האט ער מיר געזאגט) האט נישט ריכטיג אי-בערגעגעבען די שמועס פון זײַן רעדע אויף דער פערזאמלונג וועגען דער קאָעדוקאציע-פראגע. אזוי ווי איך האב נישט געהאט קײַן מעגליכקײַט צו ענט-פערן אויפ'ן ארט (מחמת מיר בעריכט אבגעגעבען מוזען נאך הערען, פערשרײַ-בען און שרײַבען) ענטפער איך דא, אז איהר זאלט אזוי גוט זײַן נאכקוקען מײַן בעריכט וועט איהר זעהען אז עס איז גוט איבערגעגעבען, נאר איהר האט שלעכט געלעזען.

פילא, דאס הײַנטיגע מאל בין איך אײַך מוחל, נאר דאס צווײַטע מאל וועל איך, פאניע פרעזעס, נישט שווײַגען ווארום מײַן נשמה איז נישט קײַן רעש-ושינקע, איך וועל רעאגירען אויף נישט-ריכטיגע קריטיק.

סמאָל.

ווײַטערדיגע בודזשעט - זיצונג פון שטאָדט-ראַט.

די ווײַטערדיגע בודזשעט זיצונג פון שטאָדט-ראַט איז געווידמעט געוועזן דעם אויסערגעווײנליכען בודזשעט, ווי בעוואוסט בעשטעהט דער שטאָדטישער בודזשעט פון צוויי טײלען: געווײנליכער בודזשעט, וועלכער נעמט אַרום דעם גאַנצען ווירטשאַפטליכען און אַדמיניסטראַטיווען געביעט פון דער שטאָדט און אַלערלײ אינסטיטוציעס, און דער אויסערגעווײנליכער בודזשעט, וועלכער נעמט אַרום אַלערלײ נײַע אונטערנעמונגען, אינוועסטיציע אַרבעטען און נײַע אײַנריכטונגען אין דער שטאָדט. דער געווײנליכער בודזשעט אין דער גרויס פון 3 מיליאָן 760 טויזענד זל. האָט ווי עס איז שוין בעוואוסט פערנומען אַ לענגערע צײַט און דעם דאָזיגען בודזשעט האָט דער שטאָדט-ראַט געמוזט ווידמען אײַניגע זיצונגען — דאַגעגען דער אויסערגעווײנליכער בודזשעט אין דער גרויס פון 4 מיליאָן 12 טויזענד זלאָטעס איז אויף דער לעצטער זיצונג אָהן ספּעציעלע דיסקוסיעס, אויסער בײַ אײַניגע פונקטען טעמפּ אײַנשטימיג אָנגענומען געוואָרען.

די זיצונג ווערט געעפענט נאָך 8 אָזײגער דורך דעם פּרעזעס בזשעזינסקי וועלכער טרעט אַלײן אַרויס אַלס רעפערענט פון דעם אויסערגעווײנליכען בודזשעט, אָנהאַלטענדיג צווישען אַנדערען אויף אײַניגע פּרינציפּיעלע מאָמענטען פון דער ווירטשאַפטליכער סטרוקטור פון די זעלבסטפערוואַלטונגס-אָרגאַנען איז דער רעפערענט געקומען צום אויספיהר, אַז אונזער שטאָדט ווירטשאַפט איז אַזוי איבערגעשטעלט, אַז די שטאָדטישע אָרגאַנען זעלבסט קאָנען אין פערשידענע פעלען נישט דעצידירען איבער פערשידענע פראַגען, ווײַל ראַט מחוץ שוין די רעגירונג זעלבסט.

דער בודזשעט איז דאָריבער צוגעפּאַסט צו דער אומגעגנט אין וועלכער מיר לעבען. פערגלײַכענדיג דעם געווײנליכען און אויסערגעווײנליכען בודזשעט קאָן מען פעסטשטעלען אַז דער געווײנליכער בודזשעט נעמט עפּעס 42 פּראָצענט און דער אויסערגעווײנליכער 58 פּראָצענט פון דער צוזאַמענגענומענער בודזשעט סומע פון איבער 7 מיליאָן זלאָטעס.

דער אויסערגעווײנליכער בודזשעט איז אַזוי גרויס צוליב די נויטיגע אינוועסטיציעס, וועלכע וועלען איצט געדעקט ווערען פון הלוואות. דאָס וועלען אָבגעצאָהלט ווערען אײַנציג ניט אויך דורך די קומענדיגע דורות.

דאַן ווערען בעהאַנדעלט און אָבגעשטימט די בעזונדערע טײלען פון בודזשעט, עס ווערט נאָך אַ דיסקוסיע בעשלאָסען צו בעשטעטיגען די פּאָזיציע פון 1 מיט אַ האַלב מיליאָן זלאָטעס אויף צו בויען אַרבעטער-הײַזער, ר. כאַלעמיצקי לעגט פאָר אַן אויסבעסערונג: אַנשטאָט אַרבעטער - הײַזער זאָל שטעהן וואוינונגס - הײַזער, דאָס וואָלטען אויך געבראַכט בעדײַטענדע אײַנקינפטען—די אויסבעסערונג ווערט אָבגעוואָרפען.

דאַן ווערט בעשטימט אַ סומע פון 40 טויזענד זלאָטעס אויף אײַנצוקויפען 10 שטאָדטישע אויטאָבוסען. דאָס זאָלען שוין אין משך פון די נעכסטע וואָכען געבראַכט ווערען אין פערקעהר דאָכט ערקלערט דער רעפערענט, אַז די דאָזיגע פּאָזיציע איז בלויז די ערשטע ראַטע פון די געקויפטע אויטאָבוסען.

דאַן ווערט אויף וועגען און פּלעצער געשאַצט אַ סומע פון 484 טויזענד זלאָטעס, די דאָזיגע סומע ווערט פערטײלט אויף פאָלגענדע טײלען: לויגען בריקען — 95 טויזענד זלאָטעס, אויסברוקירען די גאַסען — 144 טויזענד זלאָטעס, אויסברוקירען דעם נײַעם פּאַרק אויף וואַרשאַווער — 26 טויזענד זל. דאָס איבעראַרבעטען די טראָטואַרען 200 טויזענד און די וועגען אין אומגעגנט 19 טויזענד זל., אויף בויען אַ געבײַדע פאַר פּאָזשעכנע שולען — 417 טויזענד זל., אויף עפענטליכע געזונדהײַט ווערט בעשטימט 1 מיליאָן 484 טויזענד זלאָטעס, די סומע נעמט אַרײַן דאָס אָבצאָהלען אַ ראַטע פון דער אולען-הלוואה 413 טויזענד זל., דאָס פערגרעסערען דאָס שטאָדטישע שפּיטאָל — 26 טויזענד זל., דאָס בויען אַ גרויסען ספּאָרט-פּלאַץ — 200 טויזענד, בויען אַ נײַ שפּיטאָל — 300 טויזענד, אַ פאָלקס-באָד-אַנשטאַלט — 250 טויזענד זלאָטעס א. ז. וו.

אַ הויז פאַר חמלאָזע — 37 טויזענד זל., אויפ'ן צחאַנגאַ רעמאָנט פון הײַזער אַ סומע פון 50 טויזענד זל.

דאַן ווערען בעטראַכט די אײַנקונפטען פון דעם געווײנליכען בודזשעט, דעם דאָזיגען טײל רעפערירט ה' בונעסקי, וועלכער רעכנט אויס, אַז 48 פּראָצענט פון די שטאָדטישע שטײַערן זענען קאָנסומציע שטײַערן, וועלכע ווערען געצאָהלט דורך די קאָנסומענטען, דאָס איז נישט קײן ריכטיגער סיסטעם, אָבער ער איז אָנגעוואָרפען דורך דער מלוכה. די זעלבסטשטענדיגע בעשטימטע קאָמונאַלע שטײַערן זענען 1/3 פון אַלע שטײַערן, די איבריגע אײַנקונפטען זענען פערשידענע צושלאָגען צו אַלגעמײַן מלוכה'שע שטײַערן, דאָס איז אויך אַ שלעכטער סיסטעם, ווײַ-רום די זעלבסטפערוואַלטונג קאָן דאַבײַ נישט פיהרען קײן אײַגענע איניציאַטיוו.

אַ צוגאָב ערקלערונג האָט געגעבען דער היגע פּרעזידענט ד"ר נאַחאַק, וועלכער האָט ערקלערט אַז צוזאַמענשטעלענדיג דעם בודזשעט האָט דער מאַגיסטראַט צוגעגעבען אַלערלײ מעגליכקײטען קיצלען פון אײַנקינפטען און זײַ אויסגענוצט ביז'ן לעצטען, מעהר קײן אײַנקינפטען לאָזט זיך נישט שאַפען.

דער בודזשעט איז אַזוי צוזאַמענגעשטעלט, אַז דער האַנדעל און אינדוסטריע איז בעלאַסטעט מיט 2 מיליאָן זלאָטעס, אונבעוועגליכע גיטער מיט 1 מיליאָן, הלוואות 3 און אַ האַלב מיליאָן זלאָטעס, אַזוי אַז וועגען צוגעבען נאָך העכערע סומעס איז פולשטענדיג אויסגעשלאָסען.

אין רעזולטאַט זענען בײַם אָבשטימען אָנגענומען געוואָרען די בעזונדערע טײלען פון אײַנקינפטע - בודזשעט, די אײַנקינפטען ווערען פערגרעסערט פון אָבצאָהלונגען אין מאַגיסטראַט, פון אָבצאָהלען פאַר הײלען קראַנקע, פון אַ טײל פון דעם רעגירונגס-אײַנקונפטס - שטײַער און פון פערשידענע אַנדערע קוועלער.

די אײַנקינפטען פאַר דעם אויסערגעווײנליכען בודזשעט, ווערען פאַר געוואָהען פון סובסידיעס און הלוואות פון דער רעגירונג און פון דער באַנק פאַר לאַנדעס-ווירטשאַפט, און אויך פון דעם ספּעציעלען אונטערסטיצונגס-שטײַער.

נאָכ'ן אָבשטימען די אַלע טײלען פון בודזשעט האָט דער פּרעזעס בזשענעסקי געמאַלדעט, אַז דער גאַנצער בודזשעט אין דער גרויס פון 7 מיליאָן 700 טויזענד זלאָטעס איז אין דער אײַנקינפט ווי אין די אויסגאַבען דורכ'ן שטאָדט-ראַט בעשטעטיגט געוואָרען. עס זענען נאָך געבליבען צו בעהאַנדלען אַ רײַהע קלענערע ענדערונגען און אויסבעסערונגען, וועלכע זענען במשך דער צײַט פון בעהאַנדלען דעם בודזשעט דורך פערשידענע ראַטמענער אײַנגעטראָגען געוואָרען — און די דאָזיגע אויסבעסערונגען וועלען בעטראַכט ווערען אויף דער נעכסטער זיצונג פון שטאָדט-ראַט וואָס וועט פאָרקומען, וועלכע דאַרף נאָכאַמאָל פאָרמעל בעשטעטיגען די געפּלאַנטע הלוואות אויף דעם אויסערגעווײנליכען בודזשעט.

נאָכ'ן ערקלערונגען נאָך אַ קלײנעם אינצידענט צווישען צוויי ראַטמענער פון רעכטען און לינקען לאַגער איז די זיצונג געשלאָסען געוואָרען.

אַלס בעמערקונג צו דער דאָזיגער זיצונג בלײַבט אונז נור איבער צוצוגעבען אַז דער פערשלאַג וועגען בויען אַ געבײַדע אויף אַ יודישע פאָלקשעכנע שולע איז אין בודזשעט טראָץ אַלע הבטחות נישט אַרײַנגעטראָגען געוואָרען.

די פראַגע וועגען פערערען אין

בײַ מאָגען און געדערעם-לײַדען, נישט האָבען קײן אַפּעטיט צום עסען, שטוהל - בעשווערונג, אָנגעבלאָזענקײט, סאָדברענען, קאָפּוויר שלאָגען, שטעכען-שמערצען, ברעך-רײַץ, שאַפט 1—2 גלעזער נאַטירליך „פראַנץ-יאָזעף" ביטערוואַסער. אַ גרינדליכע רײניגונג פון פערדײַאונגס וועג. מײנונגען פון קראַנקען-הײַזער בעווײַזען אַז דאָס וואַסער Franciszka Józefa ווערט גערן אַלײן גענומען פון די קראַנקע.

Czemu oszpecać się
przez
PIEGI
i plamy wątrobiane?
LESCHNITZERA
maść i mydło
to rezultat długoletnich studjów z dziedziny kosmetyki lekarskiej. Te właśnie specjalne preparaty uchronią cię przed nieproszonymi gośćmi lata.
W aptekach i drogerjach maść 3,15, mydło 2,30

קינאָ „נאָווי"

קינאָ-טעאַטער „נאָווי", אַלעע 43

אײַלט זיך!—צום ערשטען מאָל אין טשענסטאָכאָוו!— אײַלט זיך!

נוצט אויס די געלעגענהײט!

די הבדלה

(דער משומד)

הײַנט!

דער אײנציגער קינסטלערישער יודישער פילם מיט'ן אָנטײל פון די אַרטיסטען פון „הבימה" אין מאָסקווע

א אמת'ע האַרצרײַסענדע טראַגעדיע מיט אַ פּראָלאָג און עפּילאָג וואָס שפּיגעלט אָב דאָס טרויעריגע יודישע לעבען אין רוסלאַנד לויט דער טראַגעדיע פון י. בורשטײן א. נ.

„צוריסענע נשמות".

ספּעציעל פערגרעסערטע מוזיק מיט צוגעפּאַסטע יודישע נגונים. — לעצטער סעאַנס האַלב 10.

הבדלה

קינאָ „נאָווי"

קלײנער פעליעטאָן.

נעשה ונשמע...

עס איז געווען אַ צײַט, ווען יודען זענען געווען געהאָרכזאַם, זײַ זענען נאָך דאַמאָלס נישט קלוג געווען, און ווען מען האָט זײַ אָנגעבאָטען די תורה, וועלכע אַנדערע אומות האָבען נישט געוואָלט מקבל זײַן, האָבען זײַ נישט לאַנג געטראַכט און אײדער זײַ האָבען נאָך געוואוסט וואָס אין דער תורה שטעהט געשריבען, האָבען זײַ שוין אַלע בפה אחד אויסגעשריגען: נעשה ונשמע!

יענע צײַטען זענען שוין לאַנג אַוועק, און משך פון אַ פּאָר טויזענד יאָהר זענען זײַ. די דאָזיגע יודעלעך שוין קלוג געוואָרען, וואָנאָר שוין אַביסעל צו קלוג און איצט וואָגען זײַ שוין נישט נעשה ונשמע, אַהע מיט יודען אין איצט נישט אַזאַ לײַכטער עסק, זײַ נעמען נישט אַזוי שנעל פאַר'ן, זײַ חקרען זיך אַרײַן און בײַ יעדע קלײניגקײט מאַכען זײַ אַ יעלה עד לב השמים, נעמען מיר צב"ש אַזאַ קלײניגקײט ווי אַביסעל פערגעסען וואָס מען מאַכט אויף זײַ פון צײַט צו צײַט אין רומעניען, מאַכען זײַ אַ געשרײַ פי יודע חפּם. אמת עס טרעפען זיך אַזעלכע פון אחינו בני ישראל וואָס לײַקענען עס אָב און זאָגען אַז דאָס איז נאָר אַ שפּאַס פון אַ פּאָר סטודענטען, אָבער ווײַטער זענען דאָס טויזענד וועלדער, נאָר אַ וועניגעס, די איבריגע יודעלעך שרײַען און פּילדערן אַז ווײַטער קול ווערט געהערט אין אמע רוקאַ, פּאַריז, לאָנדאָן און עק וועלט.

גיט מען נור אַביסעל אַ שרויף די שטײַערן, ווער ליאַרעמט אַמסמײַסטען, ווײַטער די יודעלעך, רופען זײַ צונויף פּראָטעסט פערזאַמלונגען און אָרגאַניזירען וואָנאָר די פּוילישע סוחרים און אַלע לויפען צו די מיניסטאָרען מיט אַ געוואַלד מיט אַ געשרײַ, אַז מען מאַכט זײַ אומגליקליך. אַהע און פּוילען וועט נען דאָ אַזוי פיעל פּויערן פאַרוואָס וועט נען זײַ צופיהרען פון די פּראָדוקטען?.. די יודעלעך קאָנען אָבער נישט בעשטעהן, זײַ ווילען נישט זאָגען דעם נעשה ונשמע.

און היימישע ענינים איז דאָס אויך נישט בעסער. נעמט למשל די קאָנסומענטען פון דער עלעקטראָוניע זײַ ווילען אויך נישט זאָגען אויף די מעשים העתועים פון דער עלעקטראָוניע נעשה ונשמע. עס איז אײן פאַקט פון אַסך. בײַ אײנעם אַ סוחר, וועלכער האָט אַ געשעפט מיט אַ פאַבריק און אַ וואוינונג, דאַכט זיך אַז ער צאָהלט פאַר עלעקטריע אַ שײן ביסעל געלד מאַכט זיך אַ מעשה, אַז די עלעקטראָוניע איז זיך מיישב מיט'ן רעכנונג און שרײַבט אײַן 10 זלאָטעס ווײניגער, דער סוחר האָט זעלבסטפערשטענדליך נישט נאָכגערעכענט און בעצאָהלט, אין עטליכע טעג אַרום קומט צו געהן אַ שליח פון דער עלעקטראָוניע און הײַסט זיך צוצאָהלען די 10 זלאָטעס, נישט טרעפענדיג דעם אײגענטימער אין דערהײם רײַסט ער איבער דעם פראָנד, דער סוחר לויפט אַרויף מיט אַ טענה, היתכן זאָגט ער, ווי אַזוי בעציהט מען זיך צו אַ קאָנסומענט וועלכער צאָהלט שוין הונדערטער אַ יאָהר און וועלכער האָט ליגען אַזוי פיעל קוויטלען, צי האָט מען נישט געקאָנט אויסוואַרטען ביז ער וועט אַהײם קומען און בעצאָהלען די 10 גילדען וואָס זענען נישט געצאָהלט געוואָרען צוליב זײַער (די עלעקטראָוניעס) שולד לאַכט מען זיך אויס פון איהם און מען הײַסט איהם בעצאָהלען פאַר'ן צולאָנטשען, הויבט ער אָן אַביסעל העכער צו רעדען פערקלאַפּט מען איהם דאָס פענסטעריל פאַר די נאָז און מען הײַסט איהם מאָרגען קומען, לאין ברירה נעמט ער אַרויס אַ פּאָר גילדען און בעצאָהלט און ערשט דאַן טהוט מען איהם די טובה און מען דערלויבט איהם ווײַטער צו געניסען פון עלעקטריע. עס האָבען נאָך פּרעטענסיעס מענשען צו די עלעקטראָוניע באשר זי בע'עולה'ט זײַ און זײַ די קאָנסומענטען ווילען נישט זאָגען נעשה ונשמע.

אויך גרײַט זיך צו אַ פּראָטעסט געגען בעשלוס פון שטאָדט-ראַט וועגען בעצאָהלען די סטרוזשעס נאָך 11 אַזייגער בײַנאַכט 20 גר. מילא, זאָגט צו מיר אַ יונגערמאַנטשיק, מיך אַרט נישט אַז נאָך 12 זאָל מען בעצאָהלען 30 גראָשען, מחמת עס איז אַ רחמנות אויף די סטרוזשעס און מען דאַרף אַרײַנגעהן אין זײַער לאַגע, אָבער פון דער שעה פון 11—12 צאָהלען 20 גראָשען איז אַ פערברעכען און ער מאַכט מיר אַזאַ חשבון: איך פאַר מיר מוז צאָהלען 20 גראָשען, פאַר מײַנע בעגלײַטערינס וועלכע איך פיהר אַן אַהײם מינימום 40 גראָשען איז סך-הכל 60 גראָשען, 7 מאָל אין דער וואָך איז עס אַ קײַמהלן פון 4 גילדען מיט 20 גראָשען אַ וואָך, וויפיעל מאַכט עס אויף אַ חודש, אַ יאָהר, דאָס איז אַ געהעלריגער בודזשעט און מיר יונגעלײַט קאָנען דאָס נישט אויסהאַלטען.

די יודען וואָס קומען אין יודישען טעאַטער אַרײַן זענען אויך שטאַרקע געגנער פון נעשה ונשמע. וואָס דאַרף בעדײַטען אַז זײַ ווילען זיך אַהעזעצען רוהיג אויף זײַערע פּלעצער און נישט שרײַען און טומלען, נאָר אויסהערען רוהיג און שטיל די פערשטעלונג. נײַ, מיט אונזערע יודען וועט אויסר דאָס נישט אויספיהרען, אייי די וועלכע יודען אַז זײַ געהען אין פּוילישען טעאַטער קומען זײַ צו דער צײַט זעצען זיך אַוועק רוהיג, שטיל מיט דרך-ארץ און שא. די זעלבע יודען ווען זײַ קומען אין יודישען טעאַטער זענען זײַ גאָר אַנדערע, פאַרוואָס איז דאָס?

דעם אמת מוז מען מודה זײַן. אין יודישען טעאַטער קומט דאָך די יודישע אינטעליגענץ וועלכע האָט, צו זײַער שבח מוז מען דאָס זאָגען, אָנערקענט אַז דאָס יודישע טעאַטער שטעהט יעדענפאַלס נישט נידריגער ווי דאָס פּוילישע, נאָר גאַרנישט, דאָ זענען מיר דאָך עפּיס אינדערהײם, איז שוין גאָר עפּיס אַנדערש. דאָ איז נישט שײַך דער נעשה ונשמע.

די עלטערן, וואָס גיבען זײַערע קינדער אין די גימנאַזיעס, דאַרפען דאָך פערשטעהן אַז עס איז אַ אַבסורד אַוועקצוגעבען זײַערע קינדער דאָרט וואו זײַ ווערען נישט ערצויגען אַלס נאַציאָנאַלע יודען, אַז אויב זײַ ווילען דאָס זײַערע קינדער זאָלען נישט איבערגעסען דעם פאָדעם, וואָס בינדעט זײַ צום יודישען פאָלק דאַרף מען זײַ אומבעדינגט אַרײַנגעבען אין די יודישע געזעלשאַפטליכע גימנאַזיעס, כדי זײַ זאָלען דאָרט האָבען די אמת'ע מענשליכע יודישע ערציהונג און אויך אין דעם פאַל איז שווער מיט אונזערע יודען אַז זײַ זאָלען זאָגען דעם נעשה ונשמע.

יאָ רבותי, עס זענען נישט הײַנט דאָ יענע יודען, וועלכע זענען געקרוינט געוואָרען מיט דעם פּסוק גוי קדוש. זײַ האָבען פערגעסען דעם נעשה ונשמע.

סמאַל.

שטאָדט־ראַט אַנ'אײַגענע געבײַדע פאַר א יודישע פאַכשולע וואָלט איז שוין נאָר קאָן נעמען נישט — נאָך איינ'ס פאָריגען שטאָדט־ראַט איז געגען דעם אַרײַנגעטראַגען געוואָרען א פאָרשלאַג — אויך אויף דו בודזשעט־זיצונגען די פאָריגע וואָך האָט א יודישער ראַטמאַן געלאָזט הערען אַז די יודישע קהלה האָט בײַם בעטראַכטען דעם אויסערגעוועהנליכען בודזשעט די רײניגע פאָדערונג אַרויסרופען — און איצט איז שוין נאָכ'ן בעטראַכטען דעם אויסערגעוועהנליכען בודזשעט — די פראַגע תּמיד געבליבען אויפ'ן טויטען־פונקט, חוץ דער מעלען מיר טוען תּמיד א נאָנט בודזשעט־יאָהר, ביז עס האָט קאָנען אַרויסגערופט הערען די אַזוי נויטיגע און וויכטיגע פראַגע פון אַנ'אײגענער געבײַדע פאַר יודישע פאַכשולען...

דער סוף פון דער אַרגעמײַנטער פאַרזאַמלונג אין די יודישע גימנאַזיעס.

זונטאג איז פאָרגעקומען די דריטע און לעצטע פאַרזאַמלונג פון דער אַלגעמײַנער פאַרזאַמלונג פון די הונגע יודישע גימנאַזיעס.

אין דער נײַער פאַרוואַלטונג זענען אויסגעוועהלט געוואָרען דה״ה ש. נאַלרשטײַן, פ. שפּירא, י. לעהוס, א. ל. סוזקא, י. שלעזינגער, ב. באַסמאַן, ג. קאָהן, ארוה, ה. רײַסמאַן, ספ. פרוישיצקי, נ. פרענקער, ל. קאַפּינסקי, י. ענגעל, י. קראַק, ד״ר לאַפּינסקי און ח. נאַסטינסקי, פערטרעטער פון שומאַכער, י. האַרטמאַן, י. בוגייער, ר. מ. וואנדבערג, און ל. ברעסבערג.

אין דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע: א. גליקסמאַן, ה. איצקאָ, ם. היין, ה. א. ליבראַחוטס און ש. הענקמאַן.

עס קומט פאָר א לענגערע דיסקוסיע בעת די פרײַע פאָרשלאַגען. מען ה׳ פרענקער שלאָגט פאָר אָפּצושאַפען די קאָעדוקאַציע, וואָגאַר אין דער דריטער קלאַס האָט עס הערט אָנגענומען.

עס הערען געהאַלטען אײַניגע רעדעס הענען דעם היב האָט לינס אויף די יודישע עלטערן זיך טעהר צו אינטערעסירען מיט דער ערציהונג פון זײערע קינדער און מיט די יודישע גימנאַזיעס.

ה׳ נאַלרשטײַן בעטאָנט בעזונדער אין זײַן לאַנגער רעדע אַז די שולע פון ה׳ אַקסער איז א פריוואַטע קרעמעל, העלכע קאָן זיך ערלויבען אויף אזעלכע עקספּערימענטען ווי קאָעדוקאַציע. אונזער שולע איז א געזעלשאַפטליכע און איז אויסען נאָר די רײַן־יודישע נאַציאָנאַלע ערציהונג פון אונזערע קינדער.

נאָכדעם ווי עס הערט בעשלאָסען אויסצודריקען א דאַנק דעם ה׳ א. י. ראָזענצווייג פאַר'ן שענקען א פּלאַץ אויף גימנאַזיאַלישע איבונגען, ווי אויך צונויפצורופען א פאַרזאַמלונג פון די עלטערן און זײַ אָנגעבען א בעריכט פון עלטערן־קאָמיטעט, הערט די אַלגעמײַנע פאַרזאַמלונג געשלאָסען.

די שבועה פון די רעקרוטען.

זונטאג 10 אינדערפריה איז אויפ'ן מאַניפעסט פלאַץ אין דער אַנטקעגנהײַט פון סטאַראָסטא קוהן, פּרעזידענט יערמולאָזוויטש, קאָמענדאַנט קוטשינסקי און אָפיצירען־קאָרפּוס פאָרגעקומען די שבועה פון די רעקרוטען פון יאָהרגאַנג 1906.

מיט די יודישע סאָלדאַטען האָט געשוואוירען דער רב ר׳ נחום אַש.

צום סוף איז פאָרגעקומען א דעפילאַדע, העלכע פּ'האָט אָנגעפירט דער דוחוויץ־שנאַיהרער פולקאָווניק ?יאַלקאָווסקי.

פאַר דער שבועה, 9 אוהגער פריה, האָבען די יודישע זעלנער זיך פאַרזאַמעלט אין דער שטאָדטישער שוהל, וואו דער חזן ח׳ בּאראַש האָט אָבגעריכט די געהעריגע תּפלה. דערנאָך האָט דער רב ר׳ נחום אַש געהאַלטען פאַר די זעלנער הענען דער בעדייטונג פון דער שבועה.

אַקציע פאַר'ן העברעאישען בוך און פרעסע.

אין אונזער שטאָדט הערט דער בעקאַנטער העברעאישער ליטעראַט און שריפטשטעלער ה׳ יעקב ל. שוניצקי (גר בן־רב) פון ארץ־ישראל, העלכער האָט די אויפגאַבע צו שאַפען און סטענטאַכאָ א קאָמיטעט מיט'ן נאָמען „קאָמיטעט צו פאַרשפּרײטען דאָס העברעאישע בוך און פרעסע". העלכער וועט זיך פערנעמען מיט דעם בײַ אונז.

צו דעם צוועק פאַנט דער רעדנער האַלטען פּראָ פּאָרלעזונגען, אין לאָקאַל פון האַנדלאָווקער־קלוב 2־טע אַלעע 40 זונטאג אָטענד און יודיש, א. ר. ס. דן פּלוכמאַן פון יוד לבנו דער העברעאישער פרעסע און בוך, מאָנטאג דו וועלבע טעמע אין העברעאיש.

עס איז נישט קיין ספק אַז די אונטערנעמונגען פאָרלעזונגען העלפען אַרויסרופען דן געהעריגע פאַראינטערעסירונג צווישען אַלע הונגע יודישע שיכטען.

אויך אויף שבועות דאַרף מען צוגרייטען געבעקס.

די קונדער שטעקט אויפשלוסליך געפערלעכע בוישקאַטען און פּאַנזיליען־סובארעם. דער אויסבאַק פון עהנליכע קיכלער, העלכע ווערען גום אויך אויף אויספלוגען שטאַט נישט דער הירען קײַן ענגת־נפש, הײַל אין דעם נײַעם רעצעפּט־ביכעל פון קאַלירטע אילוסטראַציעס פון ד״ר עטקער געפונען זיך פיל גוטע פאָרשריפטען, ווי העלכע מען קען זעהר לײַכט, בּיליג און גוט באַקען. הי עס איז בעקאַנט איז דאָס ביכעלע צו בעקומען און אַלע געהעלבער העלכע פערקויפען ד״ר עטקער'ס אויסערדעמונגען.

פאַר דעם צוזאַמענפאָהר פון די עקאָנאָמישע פעראײַנען פון דער וואָיעוואָדסטווא.

מיר האָבען שוין געמאַלדען דעם דעם 27־טען ד. ה. פאָרקומען אין סטענסטאָכאָ, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם צו־הויכען אומזאַץ־שטײַער א צוזאַמענפאָהר פון פערטרעטער פון פּוילישע און יודישע סוחרים און האַנדווערקער־פעראײַנען פון דער גאַנצער וואָיעוואָדסטווא, העלכע האָט פאָרקומען אין זאַל פון די פעטערלקשטער.

צו דער ראַוענער קאָנפערענץ זענען אײַנגעלאַדען געוואָרען די יודישע און אויך פּוילישע סעם־דעפּוטאַטען פון דעם הונגען ספּאַל־קרײַז, העלכע רעפּרעזענטירען דעם סעוו פון די פּוילישע סוחרים און האַנדווערקער.

דער צוזאַמענפאָהר וועט זיך צו זײַן גראַנדיעז און הערען נעמען אין דער היגזיגער אָנגעמען א געהעריגע אַקציע.

וועמען זאָגען?

אין הינגען אויספאָרשונגס־אַמט געפונט זיך א גרעסערע צאָהל זאַכען, העלכע שטאַמען פון א גנבה און העלכע מען קען אָנקוקען אין די אַמטשעה'ן פון 10 ביז 2 נאַכם.

פון קינא „נאָווי".

צוליב פאַרשידענע שוועריגקײַטען, טראָץ די צוזאָגונגען און אָנאָנסירען איז דער דירעקציע פון קינא „נאָווי" פּוין טון דער לעצטער מינוט נישט געלונגען צו בעקומען דעם בילד „די הבדלה".

א אמת'ן עונג יום־טוב האָט פאַרשאַפט די הינע יורען דן דירעקציע פון קינאָ „נאָווי" אַרײַנבעגעבענדיג לכבוד מתן תורה דאָס האונדערפאַרע בילד א. ג. „קריעת ים־סוף", העלכעס שטעלט פאָר די ליבע פון פּרעה'ס זוהן צו דער שעהנער מרים, דאָס בויען פתים און רעמס, ווי אויך דאָס אַרײַנבערענגען די תורה דורך משה'ן אויפ'ן בארג סיני.

נור הײַנט און מאָרגען האָט אוהר דן געלעגענהײַט. צו זעהען די פאַרשידענע און זעהר אינטערעסאַנטע סצענען פונ'ם לעבען פון די יודען אין מצרים, זייער בעפרײַאונג און הי עס האָט אויסגעזעהען און ווער צום דאָס אמת'ע מתן תורה.

א סאַניטאַרע אינספּעקציע.

בעלד נאָך שבועות טראַכט דאָס מינערן־מוניציפּעריום צו אַרורפצופיהרען אין גאַנצען לאַנד א סאַניטאַרע אינספּעקציע, צו העלכער עס הערען בעשעפטיגט הערען איבער 200 בעאַמטע, די אינספּעקציע הערט אַרורגעפיהרט הערען און אַלע שטעדט, ראַבּי הערט פעסטגעשטעלט הערען צו די פאַריעהריגע סאַניטאַרע חסרונות, אויף העלכע עס איז אָן ווײַנער צײַט אָנגעחויזען געוואָרען ווען שוין איצט בעזײַטיגט געוואָרען. אין נעגענפאַל העלען די שולדיגע בעשטראָפט הערען.

וועגען דעם עסטעטישען אויסזעהען פון דער שטאָדט.

דאָס אינערן־מיניסטעריום האָט צוגעשיקט א צירקולאַר, אין העלכען עס הערט מיטגעטײלט דאָס עס זאָלען געגרונדעט הערען געזעלשאַפטען צום פאַרשענערען די שטאָדט, דן אויפגאַבע פון דער געזעלשאַפט הערט זײַן צו זאָרגען פאַר דעם עסטעטישען אויסזעהען פון דער שטאָדט און אויך צו פּראָפּאַגאַנדירען דעם געדאַנק הענען בעצירען אַלערלײַ בענוצט און באַלקאָנען מיט בלומען.

סוחרים פערנאַכלעסיגט נישט!

מיר האָבען שוין סיגנאַליזירט אַז קומענדען זונטאג דעם 27 קומט פאָר אין טשענסטאַכאָ א צוזאַמענפאָהר פון אַלע עקאָנאָמישע פעראײַנען יודישע און פּוילישע פון דער גאַנצער קעלצער וואָיעוואָדסטווא העלכער האָט די אויפגאַבע אָנצונעמען א געזיסע רעזאָלוציע בנוגע דעם לעצטען צו הויכען אומזאַץ־שטײַער.

עס איז סעשטענדליך אַז דער צוזאַמענפאָהר מוז האָבען אָנגעזאַמעלט דאָס גוטעגע מאַטעריאַל העלכעס זאָל פאַקטיש בעווײַזען די גרויסע עחלות האָס זענען בעגאַנגען געוואָרען בנוגע די יודישע שטײַער־צאָהלער, אָבער טראָץ דעם מאַכט מען אונז אויפּמערקזאַם פון הינגען יודישען סוחרים־פעראײַן אַז בלויז א זעהר קלײַנע אומבעדײַטענדע צאָהל פון די פּ'פּולח'סע האָבען זיך רעגיסטרירט, טראָץ דעם האָס זײַער צאָהל איז א גאַנץ גרויסע.

אַלע די העלכע פיהלען זיך בעעולח'ם האָבען נאָך צײַט ביז זונטאג פּימאג זיך צו רעגיסטרירען, אום צו הערען אַרײַנגערעכענט אין די ליסטען און די הײַס הײַבען דאָס נאָכניטש נעמחון הערען נישט פערנאַכלעסיגט, הײַל דערנאָך הערט זײַ קײַנער נישט העלפען.

יום־טוב רעפּערטואַר אין יודישען טעאַטער.

די לעצטע אַבשידס־פאָרשטעלונג פון דער היגער יודישער טרופּע.

די יודישע טרופּע גיט אויף דעם הײַנטיגען יום־טוב פאָלגענדען רעפּערטואַר.

דעם ערשטען טאָג יום־טוב ר״ה פּרעמיער נאַכמיטאַג הערט געגעבען פון דער בעטעלונג פון מאַדאַם אוידא ערהעסט און ה׳ טרילינג די זעהר אויפגענומענע אָפּערעטע אין 3 אַקטען פון א פּראָלאָג „יודעלעס בר־מצוה", פּרעמיער האַטענד דן זעהר קאָמישע אָפּערעטע „פּרעליען האַפּלאַ מיט עזרא ערהעסט אין דער הויפּט־ראָלע. שבת נאַכמיטאַג הערט געגעבען די קאָסטערישע אָפּערעטע „שולמית", שבת אָהענד מוצאי יום־טוב א פרעמיערע „מאַדאַם פּרילען" אָפּערעטע אין 3 אַקטען, זונטאג אָהענד דן הערליכע אָפּערעטע „שיר השירים", מאָנטאג אָהענד די פּויליסע חתונה.

דן אויפגענערעטע פאָרשטעלונגען זענען די אַבשיעדס פאָרשטעלונגען פון דעם היגער יודישער טרופּע הײַנער זײַ פּאָהרען טאַקע אויף א טורנע קײַן זעגלקאַביץ און דאַן קײַן אויפּלאַנד סאַו דן טרופּע האָט וויד אויסהאַלטען א גאַנצע צײַט.

בײַ דער רעווזגער געלעגענהייט הילען מיר וועגען עפּלוכע הערטער אויס'ן אדרעס פון דער טרופּע בכלל און פון איהר לײַטער ה׳ ביאַלקאַמיסש בפרט. ביז איצט איז נאָך קײַנעם נישט געלונגען פון טשענסטאַכאָווער תּעקנצושטעלען דאָס יודישע טעאַטער אויף אַזאַ מדרגה הי עס האָט זיך אײַנגעגעבען דעם ה׳ ביאַלקאַמיסש, ער האָט הי א אמת'ער הלד אויסגעהאַלטען אַלע שטורעמס בײַז עס איז איהם ענדליך געלונגען, אַז דעם יודישע טעאַטער איז סערקענט געזערען דורך די י גונג קלאַסענגעסען, העלכע האָבען געהאַט א פערהאַרטעל צו א יודיש טעאַטער, טוין האָט דער סאַניפּראַט אונטער'ן דרוק פון טאַקען פּסיכיאַטריס אַלס סובסידיום פאַר'ן יודישען טעאַטער דן סומע פון 1200 זל. ראָס האָט יערענפאַלס א מאָראַלישע בעדײַטונג און מיר וולען האָפען, אַז די מר פון העלבע פאַחהם אוהעק פון אונז הערט בקרוב צוריקקומען און הערט הײַטער פּיהרען איהר אַרבײַט, עס וואָלט נאָר נעמען פינשענסמיערט אַז הען די טרופּע הערט צוריקקומען זאָל זי שוין טרעפען א אויפגעמונטערט טעאַטער.

פון ספּאָרט.

דעם פערגאַנגענעם זונטאג האָט דער יונגער צ. ק. ס. געשפּילט אין סאָסנאָוויץ מאַו ער האָט בעזיגט דעם דאָרטיגען קלוב „סאַרמאַטיא" מיט'ן רעזולטאַט 2:3

אויך דן תּרפא האָט געשפּילט אין סאָסנאָוויץ מיט'ן דאָרטיגען ספּאָרט־קלוב „שחים", העלכע זײַ האָבען געשלאָגען מיט 1:4. דאָס איז דער ערשטער זיג פון „תּרפא" אין סאָסנאָוויץ בעת דן הײַריגע מײַסטערשאַפטס־קאַמפען. דער שיידס־ריכטער ה׳ מאָזור איז געווען אויף דער הויך פון זײַן אויפגאַבע.

צקס. — מקרא. מײַסטערשאַפט פון קלאַס „בע". האַלבקאַמער פאַר צקס.

ריקטאָריאַ—תּרפא II 1:11 פאַר תּרפא.

מאַראַטאָן — הערטא (זאַמייַדאַשע) 8:2.

רעזולטאַטען פון צע־קלאַס: גמינורא—ספּלענדיד 1:5, שהיפטאָהוד—פּאָליציי־ספּאָרטקלוב.

Emka.

שבת דעם 18 ד. ח. איז פאָרגעקומען א פוטבאָל־מאַטש הענען קלאַס „בע" צווישען יודישען ספּאָרט קלוב „יאַרדאַניא" און פּוילישען ספּאָרט־קלוב „מורושאַשי".

20 מינוט אין דער צווייטער העלפט האָט „יאַרדאַניא" דורך גרינבערג'ן געשאָסען דעם ערשטען גאָל. „יאַרדאַניא" בעקומענדיג מוט האָט אָנגעהויבען עסטער צו אַטאַקירען דעם געגנער.

6 מינוט פאַר דער ענדע האָט „יאַרדאַניא" אַטאַקירט דאָס געגנערישע טויער הערט דער טויערמאַן פון „מורישאָסי" פערהאונדעט, פאַר גרויס אויפרעגונג ברעכט אויס א געשלעג צוליב האָס דער מאַטש הערט פערענינט מיט'ן רעזולטאַט 1:0 לטובת „יאַרדאַניא".

רייזע־פּלאַן

פון די פּאַסאַזשיר־צוגען וואָס קומען אָן און גײען אָב פון טשענסטאָכאָוו

גילטיג פון 15 מאַי 1928.

קומען אָן

פון וואַרשאַ: 3,01x; 3,52; 4,53; 7,26; 13,28; 16,27; 18,21x; 19,06x; 23,25x; 23,40x.

פון לאָדז: 1,12; 20,27.

פון קאַטאָוויץ: 0,19; 3,15x; 7,30; 10,25; 11,17x; 14,10; 16,47; 20,20; 22,00.

פון קראַקא: 2,15; 3,98x; 5,20x; 11,58; 17,08x; 22,59.

פון הערבי און פּויזען: **0,12; 3,32; 7,38; 8,35**; 13,24; **16 32**; 21,45.

פון קעלץ: 7,34; 10,55; 18,58.

גײען אָב

קיין וואַרשאַ: 0,28; 3,22x; 3,47x; 5,26x; 11,23x; 12,10; 14 18; 17,14x; 18,10; 23,08.

קיין לאָדז: 2,24; 5,40.

קיין קאַטאָוויץ: 5,01; 7,45; 11.00; 15,05; 16,42; 18,27x; 19,25; 21,10; 23,31x.

קיין קראַקא: 1,24; 3,07x; 4,05; 13,38; 19.12x; 23,46x.

קיין הערבי און פּויזען: **1,27; 6.—**; 9.05; **13.50**; 14,30; 17.30; **20.40; 22.30**.

קיין קעלץ: 4.—; 9.20; 15,20.

בעמערקונג: x בעצײַכענט שנעל־צוג.

מיט פעטע ציפערן בעצײַכענען די צוגען וואָס האָבען א אנשלוס קיין פּויזען.

טעאַטער „אַדעאָן" אַלעע 27
לעצטער סעאַנס 9-15 שפּעטער.
געוועהנליכע פרײַזען.

הײַנט און ווײַטערע טעג.
די אונפערגלײַכליכע, פּייערדיגען הומאָר
ליא דע פּוטי
ZŁODZIEJ SERC
אין ערשטען אַמעריקאַנער פילם
דראַמא פון א יונג לעבען אין 8 אַקטען.
אין די הויפּט־ראָלען ליא דע פּוטי און יוזעף שילדקרויט.

גרויסער דאָפּעלטער פּראָגראַם!
סענסאַציע! אין צווייטען פּראָגראַם דער בעקאַנטער פון נישט לאַנג רעקאָמענדירטען פילם „צירק"
CHARLIE CHAPLIN
JAKO BOKSER
דראַמאַטישע צופעלען פון טשאַרלי טשאַפּלין און זײַן חוזר נאָך אין 6 אַקטען.

טעאַטער נאָוואָשצי
אַלעע 12
לעצטער סעאַנס האַלב 10.

פון הײַנט דאָנערשטאַג דעם 24 ביז שבת דעם 26 מאַי
OKRET GRZECHU
הערט געגעבען די הערליכע דראַמא

DZIEWCZĘ Z HOŚTAWKI
פון זונטאג דעם 27 מאַי און ווײַטער.
מיט די עקראַן־מאַכטען האַרי לידקע און אַסי אַסוואַלדא

קינא „נאָווי" אָרטשע 43
לכבוד מתן־תורה!

Redaktor Izrael PŁOCKIER — Wydawca B. BOCIAN — Druk. B. BOCIAN I-sza Aleja